STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10815

SHIR-HASHIRIM

Sholem Aleichem

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שאָלעם-אַלייכעם

ווייר=האָווייריין

מײַן ערשטער ראָמאַן

עסטער

אָ ג י ז
מעלוכע־פאַרלאַג „דער עמעס", מאָסקווע 1947

שיר־השירים

א יוגנט־ראָמאַן

ערשטער טייל

בוזי

1

בוזי איז א נאָמען, פארצויגנ פונ עסטער־ליבע: ליבוזי — בוזי. זי איז עלטער פונ מיר מיט א יאָר, אונ עפשער מיט צוויי, אונ ביידע אינײנעם זײַנען מיר נישט אלט קיינ צוואַנציק יאָר. הײַנט זעצט אײַך אװעק, זײַט מויכל, אונ רעכנט

אױס, װיפֿל בין איך אַלט און װיפֿל זי? נאָר דאָס, מײַן איך, איז נישט װיכטיק. איך װעל אײַך בעסער דערצײלן איר ביאָגראַפֿיע אײנקורצן.

מײַן עלטערער ברודער בעני איז געזעסן אין אַ דאָרף, געהאַלטן אַ מיל, געקאָנט שיסן פֿון אַ ביקס, פֿאָרן רײַטנדיק אױף אַ פֿערד און שװימען װי אַ מאַזיק. אײנמאָל זומער האָט ער זיך געבאָדן אין טײַך און איז דערטרונקען געװאָרן. אױף אים איז געזאָגט געװאָרן דער פּסוק: „אַלע גוטע שװימער װערן דערטרונקען". נאָך אים איז געבליבן אַ מיל, צװײ פֿערדלעך, אַ יונגע אַלמנה מיט אײן קינד. די מיל האָט מען אָפּגעלאָזט, די פֿערדלעך האָט מען פֿאַרקױפֿט, די יונגע אַלמנה האָט כאַסענע געהאַט און איז אַװעקגעפֿאָרן ערגעץ װײַט, און דאָס קינד האָט מען געבראַכט צו אונדז.

דאָס איז געװען בוזי.

2

אַז דער טאַטע האָט ליב בוזין, װי אַן אײגן קינד, און אַז די מאַמע ציטערט איבער איר, װי איבער אַ באַס־יעכידע — דאָס איז גרינג צו פֿאַרשטײן. זײ האָבן געפֿונען אין איר אַ טרײסט נאָך דעם גרױסן בראָך. אָבער איך? פֿאַרװאָס אַז איך קום פֿון חײדער און טרעף נישט בוזין, קריכט מיר נישט דאָס עסן אין האַלדז אַרײַן? און אַז בוזי איז געקומען, װערט ליכטיק אין אַלע װינקעלעך? און אַז בוזי רעדט צו מיר, לאָז איך אַראָפּ די אױגן? און אַז בוזי לאַכט פֿון מיר, װײן איך?

און אַז בוזי...

3

איכ האָב לאנג ארויסגעקוקט אפ דעמ ליבנ גוטנ יאָמטעוו פּייסעכ. דעמלט וועל איכ זײַנ פרײַ. איכ וועל שפּילנ מיט בוזינ אינ ניס, ארומלויפנ אינ דרויסנ, גיינ בארג=אראָפּ צומ טײַכ. דאָרט וועל איכ איר ווײַזנ, ווי מע לאָזט קאטשקעלעכ אפנ וואסער. אז איכ זאָג איר, גלייבט זי מיר נישט. זי לאכט ביכלאל, גלייבט מיר בוזי נישט פונדאנענ אהינ. דאָס הייסט, זאָגנ זאָגט זי מיר גאָרנישט ניט, נאָר זי לאכט. אונ איכ האָב פײַנט, אז מע לאכט פונ מיר. בוזי גלייבט נישט, אז איכ קאָנ זיכ ארופּדראפּענ אפנ העכסטנ בוימ (איכ זאָל נאָר וועלנ!). בוזי גלייבט נישט, אז איכ קאָנ שיסנ (איכ זאָל נאָר האָבנ מיט וואָס!). לאָז נאָר קומענ פּייסעכ, דער ליבער גוטער פּייסעכ, ווענ מע קאָנ שוינ זײַנ אינ דרויסנ, אפ דער פרײַער לופט, נישט פאר טאטע=מאמע אינ די אויגנ, — וועל איכ איר באווײַזנ אזעלכע קונצנ, אז זי וועט ארויס פונ די קיילימ!

4

געקומענ דער ליבער גוטער יאָמטעוו פּייסעכ.

מע האָט אונדז ביידנ אויסגעקליידט אפ יאָמטעוו ביגדיי=מאלכוס. אלצ, וואָס אפ אונדז איז געווענ, האָט געגלאנצט, געשײַנט אונ געקנאקט. איכ קוק אפ בוזינ, אונ איכ דערמאָנ מיכ אינ דעמ שיר=האשירימ, וואָס איכ האָב געלערנט פאַר פּייסעכ מיטנ רעבנ אינ כיידער. א פּאָסעק נאָכ א פּאָסעק: „הנך יפה רעיתי[1] — שיינ ביסטו, מײַנ כאווערטע, שיינ ביסטו ביז גאַר. אייגעלעכ ווי טײַבעלעכ, הערעלעכ

[1] הינאָכ יאָפאָ ראאיאָסי.

ווי ציגעלעכ, גליטשנ זיכ אראָפּ א בארג. ציינדעלעכ — ווײַסע שעפּעלעכ, פונ טײַכ ארויס, איינס אונ איינס, איינ מאמע האָט זיי געהאט. רויטע שנירעלעכ — דײַנע ליפּעלעכ, אז דו רעדסט, איז צוקער-זיס".

זאָגט מיר, איכ בעט אײַכ, פארוואָס אז מע קוקט אפּ בוזינ, מוז מענ זיכ דערמאָנענ אינ דעמ שיר-האשירימ? פארוואָס אז מע לערנט שיר-האשירימ, קומט אפּ די גע-דאנקענ בוזי?

5

א זעלטענער ערעוו-פּייסעכ. א ליכטיקער טאָג. א ווארע-מער אינדרויסנ.

— גייענ מיר?

אזוי זאָגט צו מיר בוזי, אונ איכ פיל, אז איכ ברענ. די מאמע האָט אונדז ניט געזשאלעוועט קיינ ניס. פולע קעשע-נעס מיט ניס. זי האָט אָבער גענומענ בא אונדז דאָס וואָרט, אז מיר זאָלנ איצט, פארנ סיידער, נישט דערוועגנ זיכ די ניס צו קנאקנ. שפּילנ זיכ אינ ניס — וויפל דאָס הארצ גלוסט. מיר לאָזנ זיכ גיינ. די ניס לאָזנ זיכ הערנ. אינ דרויסנ איז גוט. אינ דרויסנ איז ווויל. די זונ האלט שוינ ווײַט אינ הימל, קוקט שוינ אראָפּ אפּ יענער זײַט שטאָט. ס'איז ברייט אונ גראָט אונ ווייכ אונ פרײַ ארומ אונ ארומ. ערטערווײַז שלאָגט זיכ דורכ פונ בארג, וואָס אפּ יענער זײַט שול, א גרע-זעלע א גרינס, א פרישס, א צאפּלדיקס. מיט א קוויטש אונ מיט א צוויצ פליט דורכ איבער אונדזערע קעפּ א גלײַכ שנירל פונ קליינע שוועלבעלעכ, אונ ווידער דערמאָנ איכ מיכ אינ דעמ שיר-האשירימ פונ כיידער: „הנצנימ [1] —

1 האניצאָנימ.

די שפּראָצונגען האָבן זיך שױן באַװיזן אַפּ דער ערד, די צײַט פון דעם סאָלאָװײטשיק איז געקומען, און אַ קאָל פּונעם ערשטן זומער-פױגל האָט זיך געלאָזט הערן אין אונדזער לאַנד". איך פיל מיך מאָדנע גרינג. עס דאַכט זיך מיר, אַז איך האָב פליגלען: אָט הײב איך מיך אױף און פלי.

6

פון שטאָט לאָזט זיך הערן אַ מאָדנער הילך. עס רױשט. עס קאָכט. עס זידט. ס'איז ערעװ פּײסעך! אַ זעלטענער ערעװ-פּײסעך. אַ ליכטיקער טאָג. אַ װאַרעמער אינדרױסן.

אין מײַנע אױגן באַקומט אין דער מינוט די גאַנצע װעלט גאָר אַן אַנדער פּאָנעם. אונדזער הױף איז אַ שלאָס. אונדזער שטוב איז אַ פּאַלאַץ. איך בין אַ פּרינץ. בוזי איז אַ פּרינצעסן. די קלעצער, װאָס ליגן אָנגעװאָרפן בײַ דער שטוב, זײַנען טענענבײמער און בוקסנבײמער, װאָס װערן דערמאָנט אין שיר-השירים. די קאַץ, װאָס ליגט בײַ דער טיר און װאַרעמט זיך אַפּ דער זון, איז פון די פעלד-אײנדן, פון די א י ל ו ת-ה ש ד ה[1] װאָס װערן דערמאָנט אין שיר-השירים. דער באַרג, װאָס אַפּ יענער זײַט שול — דאָס איז דער ל ע װ אָ נ ע ן, װאָס װערט דערמאָנט אין שיר-השירים. די װײַבלעך און מײדלעך, װאָס שטײען אין דרױסן און װאַשן און פּרעסן און קאַשערן אַפּ פּײסעך, — דאָס זײַנען די טעכטער פון יערושאָלאַיִם, װאָס װערן דערמאָנט אין שיר-השירים. אַלעס, אַלעס איז פון שיר-השירים.

איך גײ, די הענט אין די קעשענעס, טרײסל מיט די ניס,

---

[1] אײַאָלױס-האַסאָדע.

די ניס קלינגען. בוזי גייט מיט מיר טריט בא טריט. איך קאָן נישט גיין פּאוואָליע. עס טראָגט מיך אינדערלופטן. מיר ווילט זיך פליִען, שוועבן, טראָגן זיך ווי אן אָדלער. איך לאָז מיך לויפן. בוזי לויפט מיט מיר. איך שפּרינג אף די צונויפגע־לייגטע קלעצער, פון איין קלאָץ אפן אנדערן. בוזי שפּרינגט מיט מיר. איך ארופ, זי ארופ. איך אראָפּ, זי אראָפּ. ווער וועט זיך פריִער אײַנמידן? איך האָב געטראָפן.

— ביזוואנען איז דער שיר?

אזוי זאָגט צו מיר בוזי. און איך ענטפער איר מיטן לאָשן פון שיר־השירים.

— עד שיפות היום — ביז עס וועט א בלאָז טאָן דער טאָג, ונסו הצללים[1] — און עס וועלן אנטלויפן די שאָטנס — כא־כא־כא! דו האָסט זיך אײַנגעמידט, און איך נישט!

7

איך פיל מיך גליקלעך, וואָס בוזי קאָן נישט דאָס, וואָס איך. און אין דער זעלבער צײַט האָב איך אף איר ראכמאָ־נעס. עס טוט מיר וויי דאָס הארץ. עס דאכט זיך מיִר, אז זי איז פארזאָרגט. בוזי האָט שוין אזא טעווע: פריילעך־פריי־לעך — פלוצעם זאָל זי זיך אוועקזעצן אין א ווינקעלע און וויינען שטילערהייט. וויפל די מאמע זאָל זי דעמלט נישט טרייסטן, וויפל דער טאטע זאָל זי דעמלט נישט קושן — עס העלפט קיין זאך נישט. בוזי מוז זיך אויסוויינען. נאָך וועמען? נאָכן טאטן, וואָס איז אזוי פרי געשטאָרבן? צי נאָך דער מאמע, וואָס האָט כאסענע געהאט, אוועקגעפאָרן און

---

[1] אד שעיאָפּואַכ האיוימ וועניאָסו האצלאָלימ.

פארגעסן דעם זײַ־געזונט? אַך, איר מאַמע, איר מאַמע! אַז מע דערמאָנט איר די מאַמע, ווערט זי אַלערליי קאָלירן. זי האַלט נישט פון איר מאַמע. זי רעדט נישט קיין שלעכט וואָרט אַף דער מאַמע, נאָר זי האַלט נישט פון איר. איך ווייס דאָס פאַר געווים. איך קאָן נישט לײַדן, אַז בוזי זיצט פאַרזאָרגט. איך זעץ מיך אַוועק נעבן איר אַף די קלעצער און וויל איר צעשלאָגן די געדאַנקען.

8

איך האַלט די הענט אין די קעשענעס. קלינג מיט די ניס און זאָג צו איר:

— טרעף, וואָס איך קאָן טאָן, אַז איך וויל?
— וואָס קאָנסטו טאָן?
— אַז איך וויל, גייען איבער אַלע דײַנע ניס צו מיר.
— וועסט זיי באַ מיר אָפּגעווינען?
— ניין, מיר וועלן אַפילע נישט אָנהייבן שפּילן.
— וואָס זשע, וועסט זיי באַ מיר אַוועקנעמען מיט גוואַלד?
— ניין. זיי גייען אַליין אַריבער צו מיר.

זי הייבט אויף אירע שיינע אויגן אַף מיר. אירע שיינע בלויע שיר־השירים־אויגן.

איך זאָג צו איר:

— דו מיינסט, אַפּנעם, אַז איך טרײַב קאַטאָוועס? איך האָב, נאַרעלע, אַזאַ שפּרוך... איך זאָג אַ פּאָסעק...

זי עפנט אויף די אויגן נאָך שטאַרקער. איך פיל מיך גרויס. איך גיב איר צו פאַרשטיין, ווי אַ גרויסער, ווי אַ העלד:

— מיר, יינגלעך, קאָנען אַלצדינג. בא אונדז אין כיידער איז דאָ אַ כאַווער, שייַקע דער בלינדער רופט מען אים (ער איז אַ בלינדער אַף איין אויג), ווייסט ער אַלצדינג. ס'איז נאָר נישטאָ אַזאַ זאַך אַף דער וועלט, וואָס שייַקע זאָל נישט וויסן. אַפילע קאַבאַלע. ווייסטו, וואָס הייסט קאַבאַלע?

ניין. פונוואַנען זאָל זי וויסן? איך פיל מיך אַפן זיבעטן הימל, וואָס איך קאָן איר געבן אַ לעקציע וועגן קאַבאַלע.

— קאַבאַלע, נאַרעלע, איז אַזאַ זאַך, וואָס קומט צוניץ. מיט קאַבאַלע קאָן איך מאַכן אַזוי, אַז איך זאָל דיך זען, און דו מיך נישט. מיט קאַבאַלע קאָן איך צאַפּן ווייַן פון אַ שטיין און גאָלד פון דער וואַנט. מיט קאַבאַלע קאָן איך מאַכן אַזוי, אַז מירביידע, אַזוי ווי מיר זיצן אָט-אָ, זאָלן מיר זיך אופהייבן ביז צו דער כמאַרע. און נאָך העכער פון דער כמאַרע!..

אופהייבן זיך אין דער הייך מיט בוזין דורך קאַבאַלע ביז דער כמאַרע, און נאָך העכער פון דער כמאַרע, און אוועקפליען מיט איר ווייַט-ווייַט, אַף יענער זייַט אוקיאַנוס, — דאָס איז געווען איינער פון מייַנע בעסטע כאַלוימעס. דאָרט, אַף יענער זייַט אוקיאַנוס, הייבט זיך דאָך אָן דאָס לאַנד פון די קאַרליקעס, וואָס קומען אַרויס פין די גיבוירים פון דאַוויד האַמײלעכס צייַטן. די קאַרליקעס זייַנען דאָך בעטעווע זייער גוטע מענטשעלעך. לעבן — לעבן זיי נאָר פון צוקערקעס מיט מאַנדל-מילך, שפּילן גאַנצע טעג אַף קליינע פייַפעלעך און טאַנצן אַלע אינייִנעם אַ „קאַראַהאָד", האָבן קיין מוירע נישט פאַר קיין זאַך און האָבן ליב

געסט. פון אונדז, אז עס קומט עמעצער צו פאָרן, גיבן זיי אים עסן און טרינקען, שענקען אים די טײַערסטע קליידער מיט אַן א שיר זילבערנע און גאָלדענע קיילים, און פאָרן אוועקפאָרן שטופּן זיי אים אַן פולע קעשענעס מיט דימענטן און מיט בריליאַנטן, וואָס וואַלגערן זיך בא זיי, ווי, לעמאָשל, בא אונדז מיסט אף דער גאַס.

— ווי מיסט אף דער גאַס? נו?

אזוי האָט מיר אמאָל א זאָג געטאָן בוזי, אז איך האָב איר דערציילט פון די קאַרליקעס.

— דו גלייבסט נישט?

— און דו גלייבסט?

— פאַרוואָס נישט?

— ווּ האָסטו דאָס געהערט?

— וואָס הייסט, ווּ? אין כיידער.

— אכ! אין כיידער?..

נידעריקער, נידעריקער לאָזט זיך אראָפּ די זון און באַ־פאַרבט דעם הימל מיט א רויטן פּאַס פון גינגאָלד. דאָס גאָלד שײַנט אָפּ אין בוזיס אויגן. זיי באָדן זיך אין גאָלד!

מיר ווילט זיך זייער, אז בוזי זאָל ניספּאָעל ווערן פון שײַקעס מעטאָדע און פון די קונצן, וואָס איך קאָן מאכן מיט קאַבאָלע. בוזי אָבער הייבט נישט אָן ניספּאָעל צו ווערן. אדעראבע, עס ווײַזט זיך מיר אויס, אז זי לאַכט. וואָס דען באַווײַזט זי מיר אלע אירע פּערלדיקע ציינדלעך? עס הייבט מיך אָן פאַרדריסן, און איך זאָג צו איר:

— דו גלייבסט מיר עפשער נישט?

בוזי לאכט.

— דו מיינסט עפשער, אז איך באַרים זיך? אז איך טראַכט אוים פון קאָפּ ליגנס?

בוזי לאכט נאָך שטארקער. ע! ווייבאלד אזוי, דארף מען זיך מיט איר אָפּרעכענען! איך ווייס שוין מיט וואָס, איך זאָג צו איר:

— דער כיסאָרן איז, וואָס דו ווייסט נישט, וואָס הייסט קאבאָלע. דו זאָלסט וויסן, וואָס קאבאָלע איז, וואָלסטו אזוי נישט געלאכט. מיט קאבאָלע, אז איך וויל, קאָן איך אראָפּ־ברענגען אהער דײַן מאמע. יאָ־יאָ. און אז דו וועסט מיך שטארק בעטן, ברענג איך דיר זי נאָך הײַנטיקע נאכט, רײַטנדיק אף א שטעקן.

מיטאמאָל הערט זי אוף צו לאכן. א וואָלקנדל איז אי־בערגעלאָפן איבער איר שיין ליכטיק פּאָנעם, און עס ווײַזט זיך מיר אוים, אז די זון איז פּלוצעם פארפאלן געוואָרן. אוים זון. אוים טאָג. איך האָב מוירע, אז איך האָב א ביסל איבערגעכאפּט די מאָס. איך האָב נישט באַדארפט אָנרירן איר ווייטעק — די מאמע אירע. איך האָב כאראָטע אף דער מײַסע. מע דארף עס פארגלעטן. מע דארף זיך מיט איר איבערבעטן. איך רוק מיך צו צו איר. זי קערט זיך אָפּ פון מיר. איך וויל זי נעמען בא דער האנט. איך וויל איר זאָגן מיטן לאָשן פון שיר־האשירים: „ש ו ב י, ש ו ב י ה ש ו־ ל מ י ת[1] — קער זיך אום צו מיר, בוזי!..“ פּלוצעם הערט זיך א קאָל פון שטוב ארוים:

— שימעק! שימעק?

---

[1] שוווי, שוווי האשולאמיס.

שימעק — דאָס בינ איכ, דאָס רופט מיכ מײַנ מאמע, איכ זאָל גײנ מיטנ-טאטנ אינ שול ארײַנ.

11

דאָס גײנ מיטנ טאטנ אינ שול ארײַנ ערעוו פײסעכ דאוונענ — וואָס קאָנ שוינ זײַנ א גרעסערער פארגעניגנ? וואָס איז ווערט דאָס אלײנ, וואָס מע איז אָנגעטאָנ פונ קאָפּ ביז פוס שפּאָגל-נײַ, אונ ס'איז דאָ מיט וואָס צו באווײַזנ זיכ פאר די כאוויירימ? הײַנט דאָס דאוונענ? דער ערשטער יאָמטעוודיקער מײַרעוו? דער ערשטער יאָמטעוודיקער באָרכו? אכ, וויפל טײַנוגימ דער גוטער גאָט האָט אָנגעגרייט פונ יידישע קינדערס וועגנ!

— שימעק! שימעק?

די מאמע מײַנע האָט קײנ צײַט נישט. „איכ וועל גײנ, איכ וועל באלד גײנ, אָט-אָ גײ איכ! איכ וויל נאָר זאָגנ בוזינ צווײ ווערטער. מער נישט ווי צווײ ווערטער...“

אונ איכ זאָג איר צווײ ווערטער. איכ בינ זיכ מוידע פאר איר, אז דאָס, וואָס איכ האָב איר אָט ערשט געזאָגט, איז נישט עמעס. מאכנ מיט קאבאָלע אזוי, אז יענער זאָל פּליִענ— דאָס קאָנ מענ נישט. אלײנ — יאָ, איכ אלײנ זאָל פּליִענ — דאָס קאָנ איכ. אונ דאָס וועל איכ איר ווײַזנ. לאָז נאָר איבערגײנ דער יאָמטעוו, אזוי מאכ איכ די ערשטע פּרווו. איכ וועל זיכ אופהײבנ פאר איר אינ די אויגנ, אָט דאָ אפּ דעמ אָרט. ווו די קלעצער ליגנ, אונ וועל אינ אײנ מינוט זײַנ שוינ אפּ יענער זײַט כמארע. פונ דאָרט וועל איכ זיכ נעמענ רעכטס, אהינצו-אָ — זעסטו? — דאָרט ענדיקט זיכ אלצדינג אונ עס הײבט זיכ שוינ אָנ דער יאמ-האָקעראכ.

בוזי הערט זיך צו מיט קאָפּ. די זון שיקט אירע לעצטע שטראַלן, צעקושט זיך מיט דער ערד.

— וואָס הייסט דאָס יאַמ-האַקעראַך? — פרעגט מיך בוזי.

— יאַמ-האַקעראַך ווייסטו נישט? יאַמ-האַקעראַך הייסט דער פאַרגליווערטער יאַם. דאָס וואַסער איז געדיכט אַזוי ווי לעבער און געזאַלצן אַזוי ווי ליאַג. קיין אַקרענטן גייען נישט אַף אים, און מענטשן, אַז זיי כאַפּן זיך אַהין אַריין, קאָנען זיי שוין צוריק נישט קומען קיינמאָל.

בוזי קוקט אַף מיר מיט גרויסע אויגן.

— לעמיי זשע זאָלסטו גיין אַהין?

— איך גיי דען, נאַרעלע? איך פלי דאָך. איך פלי פון אויבן, אַזוי ווי אַן אָדלער. אין עטלעכע מינוט בין איך דאָך שוין ווידער אַף דער יאַבאַשע. דאָרט הייבן זיך אָן די צוועלף הויכע בערג, וואָס שפּריצן מיט פייער, און אַפן צוועלפטן באַרג, מאַמע באַמ שפּיץ, שטעל איך זיך אָפּ און גיי צופוס זיבן מייל, ביז איך קום צו אַ געדיכטן וואַלד. נאָכדעם גיי איך וואַלד-איין, וואַלד-אויס, ביז איך קום צו צו אַ קליין וואַסערל. דאָס וואַסערל שווים איך אַריבער און צייל אָפּ זיבן מאָל זיבן, וואַקסט אויס פאַר מיר אַן אַלטיטשקער מיט אַ לאַנגער באָרד און פרעגט מיך: „וואָס איז דיין באַגער?“ זאָג איך אים: „פיר מיך אָפּ צו דער באָס-מאַלקע“.

— וואָסער באָס-מאַלקע?

אַזוי זאָגט צו מיר בוזי, און עס דאַכט זיך מיר, אַז זי איז דערשראָקן.

— די באָס-מאַלקע — דאָס איז די שיינע פּרינצעסן, וואָס מע האָט זי אָפּגעכאַפּט פון אונטער דער כופּע און מע האָט

זי פאַרקישעפט און אָוועקגעפירט און אַרײַנגעזעצט אין אַ קרישטאָלענעם פּאַלאַץ, שוין זיבן יאָר...

— וואָס זשע געהער זיך אָן עס מיט דיר?

— וואָס הייסט, וואָס געהער זיך עס אָן מיט מיר? איך דאַרף דאָך זי באַפרײַען.

— דו דאַרפסט זי באַפרײַען?

— ווער דען?

— מע דאַרף נישט פּלױִען אַזוי ווײַט. פאָלג מיך, מע דאַרף נישט!..

13

און בוזי נעמט מיך אָן בײַ דער האַנט, און איך פיל, ווי איר קליין ווײַס הענטל איז קאַלט. איך קוק איר אין די אויגן אַרײַן און איך זע, ווי עס שײַנט זיך אָפּ אין זיי די גינ־גאָלדענע זון, וואָס געזעגנט זיך מיטן טאָג, מיטן ערשטן ליכטיקן וואַרעמען ערעוו-פּייסעך-טאָג. ביסלעכווײַז שטאַרבט אָפּ דער דאָזיקער טאָג. ווי אַ ליכט ווערט אויסגעלאָשן די זון. דער הילך, וואָס איז געשטאַנען דעם גאַנצן טאָג, ווערט פאַרשטאָרבן. מע זעט שוין ניט קימאַט קיין לעבעדיקן מענטשן אַף דער גאַס. אין די פענצטער פון די הײַזלעך באַווײַזן זיך פּײַערלעך פון די יאָמטעוודיקע בענטש-ליכט. אַ מאָדנע, אַ הייליקע שטילקייט רינגלט אונדז אַרום, מיך מיט בוזין, און מיר פילן זיך פעסט צונויפגעגאָסן מיט דער דאָזי־קער יאָמטעוודיקער שטילקייט.

— שימעק! שימעק?

דאָס דריטע מאָל שוין, אז די מאמע רופט מיך, איך זאָל גיין מיטן טאטן אין שול אריין. ווייס איך דען אליין נישט, אז מע דארף גיין אין שול אריין? איך וועל דאָ זיצן נאָך א מינוט, איין מינוט, נישט מער. דערהערט בוזי, אז מע רופט מיך, רייסט זי ארויס איר האנט, כאפט זיך אויף און טרייבט מיך:

— שימעק, דיך רופט מען דאָס, דיך. גיי־גיי. שוין צייט. גיי־גיי.

איך קלייב מיך גיין. אויסגעבלאָזן האָט דער טאָג. אויס־געלאָשן האָט די זון. פונעם גאָלד איז געוואָרן בלוט. א ווינטעלע האָט א בלאָז געטאָן, א גרינגס, א קילס. בוזי טרייבט מיך, איך זאָל גיין. איך ווארף אף איר דעם לעצטן בליק. גאָר נישט די בוזי, וואָס פריער. אן אנדער פּאָנעם מיט אן אנדער חיין באקומט זי אין מיינע אויגן אינעם דאָזיקן פארקישעפטן אָוונט. „די פארקישעפטע פּרינצעסן“ — פליט מיר דורך א געדאנק אין קאָפּ. בוזי לאָזט מיך אָבער נישט לאנג מיט מיינע געדאנקען. זי טרייבט מיך, זי טרייבט מיך, איך זאָל גיין. איך לאָז מיך גיין און קוק מיך אום צוריק אף דער פארקישעפטער פּרינצעסן, וואָס האָט זיך איינגאנצן צונויפגעגאָסן מיטן דאָזיקן פארקישעפטן פּיי־סעך־אָוונט, און איך בלייב שטיין א פארקישעפטער. ווייזט זי מיר אָבער מיט דער האנט: איך זאָל גיין! איך זאָל גיין!.. און עס מאָלט זיך מיר אויס, אז איך הער איר קאָל, ווי זי זאָגט צו מיר מיטן לאָשן פון שיר־השירים:

— ב ר ח ד ו ד י — אנטלויף, מיין געליבטער! ו ד מ ה ל ך ל צ ב י [1] — און זיי געגליכן צו א הירש אָדער צו א איינ־ אף די בסאָמים־בערג!..

[1] בּראַח, דודי, אודמה לעכא ליצווי

צווייטער טייל

מיר רײַסן גרינס

1

— גיכער, בוזי, גיכער! — זאָג איך צו בוזין א טאָג פאר שוועס און נעם זי פאר א האנט, און מיר לאָזן זיך האמטיק בארג-ארופ. — דער טאָג שטייט נישט, נארעלע. מיר דארפן דורכגיין אזא בארג, און נאָכן בארג האָבן מיר נאָך א טײַכל. איבערן טײַכל גייט א קלאדקע פון ברעטער, הייסט עס „דאָס בריקל". דאָס טײַכל לויפט, די זשאבעס קוואקען, די ברעטער שאָקלען זיך, הוידען זיך, און ערשט דאָרט, אף יענער זײַט בריקל — דאָרט איז ערשט דער עמעסער גאניידן, בוזי! דאָרט ערשט הייבן זיך אָן מײַנע מאיאָנטקעס.

— דײַנע מאיאָנטקעס?

— מיינ איך, די „לעוואדע". א גרוים פעלד, וואָס ציט זיך, ציט זיך אָן א סאָפ, אָן א ברעג. מיט א גרינער קאָלדרע איז דאָס איבערגעצויגן. מיט געלינקע שפרענקעלעך איז דאָס באשפרענקלט. מיט רויטינקע צוויקעלעך איז דאָס באצוויקלט. און רייכעס זאָלסטו הערן דאָרטן — די שענסטע בסאָמים פון דער וועלט! און ביימער האָב איך דאָרטן, אָן א שיר ביימער, הויכע, צווײַגנדיקע ביימער. און א בערגל האָב איך מיר דאָרט, וואָס איך זיץ אף דעם. וויל איך, זיץ איך מיר. וויל איך, הייב איך מיך אוף דורכן „שעם-האמ-

פוירעש" און פלי מיר, ווי אַן אָדלער, העכער פון דער כמאַרע. איבער פעלדער און וועלדער, איבער יאַמים און מידבאָריעס, ביז איך קום אָפּ יענער זײַט האָריי־כווישעכ...

— און פון דאָרטן, — שלאָגט מיך איבער בוזי, — גייסטו צופוס זיבן מײַל, ביז דו קומסט צו א וואַסערל.

— ניין, צו א געדיכטן וואַלד... פריִער גיי איך וואַלד־אײַן, וואַלד־אויס, און ערשט נאָכדעם קום איך צו א וואַסערל...

— דאָס וואַסערל שווימסטו אריבער און ציילסט אָפּ זיבן מאָל זיבן...

— וואַקסט אויף פאַר מיר אַן אַלטיטשקער מיט א לאַנגער באָרד...

— פרעגט ער דיך: „וואָס איז דײַן באַגער?"

— זאָג איך אים: „פיר מיך אָפּ צו דער באָס־מאַלקע"...

בוזי רײַסט ארויס איר האַנט פון מײַן האַנט און לאָזט זיך לויפן באַרג־אַראָפּ. איך לויף איר נאָך.

— בוזי, וואָס לויפסטו אַזוי?

בוזי ענטפערט נישט. זי איז בערויגעז. זי האָט פײַנט די באָס־מאַלקע. אַלע מײַסעס האָט זי ליב, נאָר נישט די באָס־מאַלקע...

2

ווער בוזי איז — דאַרפט איר געדענקען. איך האָב אײַך שוין אַמאָל דערציילט. נאָר טאָמער האָט איר פאַרגעסן, כאָטש איך אײַך איבער נאָכאַמאָל.

איך האָב געהאַט אַן עלטערן ברודער — בעני. איז ער דערטרונקען געוואָרן. נאָך אים איז געבליבן א וואַסער־מיל, א יונגע אַלמאָנע, צוויי פערדלעך און איין קינד. האָט מען

די מיל אָפּגעלאָזט. די פערדלעך פארקויפט. די אלמאָנע האָט כאסענע געהאט ערגעץ ווײַט. און דאָס קינד האָט מען גע־בראכט צו אונדז.

דאָס איז געווען בוזי.

כאַ־כאַ־כאַ! אלע מיינען, אז איך און בוזי זײַנען א ברו־דער מיט א שוועסטער. מײַן טאַטן רופט זי טאַטע. מײַן מאַמען רופט זי מאַמע. און מיר צווישן זיך לעבן, ווי א ברו־דער מיט א שוועסטער, און האָבן זיך ליב, ווי א ברודער מיט א שוועסטער.

ווי א ברודער מיט א שוועסטער? פארוואָס זשע שעמט זיך פאר מיר בוזי?

איינמאָל האָט זיך געטראָפן א מעַסע. מיר זײַנען גע־בליבן אליין, אליין אינצווייען איבער דער גאנצער שטוב. פארנאכטלעך איז דאָס געווען. פינצטערלעך שוין. דער טאַטע איז געגאנגען אין שול זאָגן קאַדעש נאָך מײַן ברודער בעני, און די מאַמע — נאָך שוועבלעך. איך און בוזי האָבן זיך פארשלאָגן אין א ווינקעלע, און איך דערצייל איר מעַ־סעס. בוזי האָט ליב, אז איך דערצייל איר מעַסעס. שיינע מעַסעס פונעם כיידער, מעַסעס פון טויזנט איין נאכט. זי רוקט זיך צו צו מיר גאנץ נאָענט. איר האנט איז אין מײַן האנט.

— דערצייל, שימעק, דערצייל.

שטיל לאָזט זיך אראָפּ די נאכט. פּאַוואָליע קלעטערן אַפּ די ווענט די שאָטנס ציטערן, פויזען אַפּ דער ערד און צע־קריכן זיך. קוים־קוים וואָס מיר זעען זיך. נאָר איך פיל, איר הענטל ציטערט, און איך הער, איר הערצל קלאַפּט, און איך זע, אירע אויגן אין דער פינצטער גלאַנצן. פּלוצעם רײַסט זי ארויס איר האנט פון מײַן האנט. „וואָס איז, בוזי?‟ „מע

טאָר נישט". „וואָס טאָר מען נישט?" „האלטנ זיכ בא די הענט. „ פארוואָס? ווער האָט דיר געזאָגט?" „איכ ווייס אליינ". „מיר זײַנען דענ פרעמדע? מיר זײַנען דענ נישט שוועסטער אונ ברודער?" „ע! ווענ מיר זאָלנ זײַנ שוועסטער אונ ברודער!"... — ציט אוים בוזי, אונ עס הערט זיכ מיר אינ אירע ווערטער דאָס לאָשנ פונ שיר-האשירים: „מ י י ת נ ך כ א ח ל י [1] — פארוואָס ביסטו נישט מיר א ברודער?"

טאָמיד אזוי. רעד איכ פונ בוזינ, דערמאָנ איכ מיכ אינ שיר-האשירים.

3

ווו זשע האלטנ מיר? ערעוו שוועס. מיר לויפנ בארגאראָפ. פריער בוזי, נאָכדעמ איכ. בוזי איז אפ מיר בערויגעז פאר דער באָס-מאלקע. אלע מײַסעס האָט זי ליב, נאָר נישט די באָס-מאלקע. בוזים בערויגעז זײַנ, איר זאָלט גאָר קיינ יעסורים נישט האָבנ, דויערט נישט אפילע אזויפיל, ווי איכ רעד צו אײַכ. אָט קוקט זי שויִנ ווידער אפ מיר מיט אירע גרויסע ליכטיקע פארטראכטע אויגנ. פארווארפט די האָר ארונטער אונ זאָגט צו מיר:

— שימעק! אוי, שימעק! טו נאָר א קוק. זע א הימל. דו זעסט גאָר נישט, וואָס אינ דרויסנ טוט זיכ!

— איכ זע, נארעלע. וואָס דענ, איכ זע נישט? איכ זע א הימל, איכ פיל א ווארעמ ווינטעלע, איכ הער פייגעלעכ פישטשענ אונ צוויטשענ אונ טראָגנ זיכ איבער אונדזערע קעפ. דאָס איז אונדזער הימל, אונדזער ווינטעלע, אונדזערע

[1] מי י:טענכא קעאכ לי״

פֿייגעלעך — אַלצדינג איז אונדזוערס, אונדזוערס, אונדזוערס! גיב אַהער דײַן האַנט, בוזי!..

ניין. זי גיט מיר נישט די האַנט. זי שעמט זיך. לעמײַ שעמט זיך פֿאַר מיר בוזי? לעמײַ איז זי רויט געוואָרן?

— דאָרטן, — זאָגט מיר בוזי און לויפֿט פֿאָרויס, — דאָרטן, אַף יענער זײַט בריקל... — און עס דאַכט זיך מיר אויס, אַז זי רעדט צו מיר מיטן לאָשן פֿון שולאַמיס, וואָס אין שיר־השירים: „לכה דודי[1] — קום, טײַערער! לאָמיר גיין אין פֿעלד אַרויס! לאָמיר נעכטיקן אין די דערפֿער! לאָמיר זיך פֿעדערן אין די ווײַנגערטנער! לאָמיר זען, אויב דער ווײַנשטאָק בליט? אויב דער ווײַנצווײַג האָט זיך פֿאַנאַנדערגענומען? אויב די מילגראָמען שפּראָצן?"...

און אָט זײַנען מיר באַם בריקל.

4

דאָס טײַכל לויפֿט, די זשאַבעס קוואַקען, און די ברעטער שאָקלען זיך, הוידען זיך, און בוזי ציטערט.

— אײַ, ביסטו, בוזי, אַ... וואָס האָסטו מוירע, נאַרעלע? האַלט זיך אָן אָן מיר, אָדער גיב, לאָמיך דיך אַרומנעמען. איך דיך און דו מיך. זעסטו? אָט אַזוי. אָט אַזוי.

אויס בריקל.

און אַזוי ווי מיר האָבן זיך אַרומגענומען, אַזוי גייען מיר שוין אײַנצווייען, איינע אַליין איבער דעם דאָזיקן גאַניידן. בוזי האַלט זיך אָן אָן מיר שטאַרק, זייער שטאַרק. זי שווײַגט. נאָר עס דאַכט זיך מיר, אַז זי זאָגט צו מיר מיטן לאָשן פֿון

---

[1] לעכאָ דוידי׳

שיר־השירימ: „אני לדודי ודודי לי[1] — איכ בינ דײַנע אונ דו ביסט מײַנער"...

די לעוואדע איז גרויס. זי ציט זיכ אָנ א סאָפּ, אָנ א ברעג. מיט א גרינער קאָלדרע איז זי איבערגעצויגנ. מיט געלינקע שפּרענקעלעכ איז זי באשפּרענקלט. מיט רויטינקע צוויקעלעכ איז זי באצוויקלט. אונ רײַכעס שמעקט דאָ, די שענסטע בסאָמימ פונ דער וועלט! אונ מיר גייענ ביידע ארומגענומענ, איינע אליינ, אינצווייענ, אינעמ דאָזיקנ גאַנ ניידנ.

— שימעק! — זאָגט מיר בוזי אונ קוקט מיר גלײַכ אינ די אויגנ ארײַנ אונ רוקט זיכ צו צו מיר נאָכ נעענטער. — ווענ וועלנ מיר אָנהייבנ רײַסנ גרינס אפ שוועס?

— דער טאָג איז נאָכ גענוג גרויס, נארעלע ! — זאָג איכ צו איר, אונ איכ ברענ. איכ ווייס נישט, וווהינ זאָל איכ קוקנ פריער: צי אינ דער יארמלקע פונעמ בלויענ הימל? צי אפ דער גרינער קאָלדרע פונעמ ברייטנ פעלד? צי אהינ, אינ עק וועלט ארײַנ, דאָרטנ, ווו דער הימל גייט זיכ צונויפ מיט דער ערד? צי אינ בוזיס ליכטיק פּאָנעמ זאָל איכ ארײַנקוקנ, אינ בוזיס שיינע גרויסע אויגנ, וואָס ווײַזנ מיר אויס טיפ, ווי דער הימל, אונ פארטראכט, ווי די נאכט? טאָמיד זײַנענ אירע אויגנ פארטראכט. א טיפער זאָרג ליגט אינ זיי פארבאָרגנ. מיט א שטילנ טרויער זײַנענ זיי איבערגעצויגנ. איכ ווייס איר זאָרג, מיר איז באקאנט איר טרויער. זי טראָגט א גרויסנ ווייטעק אינ הארצנ. א פארדראָס אפ איר מאמע, וואָס האָט כאסענע געהאט פאר א פרעמדנ טאטנ אונ איז אוועקגעפאָרנ פונ איר אפ שטענדיק, אפ אייביק, גלײַכ ווי

[1] אני לעדוידי ווערוידי לוי.

זי וואָלט איר אָנגעקערט א פּרעמדע. אין שטוב טאָר איר מוטערס נאָמען נישט דערמאָנט ווערן, גלייך ווי זי וואָלט גאָר קיינמאָל נישט געהאַט קיין מאַמע. מײַן מאַמע — דאָס איז איר מאַמע. מײַן טאַטע — דאָס איז איר טאַטע. און זיי האָבן זי ליב, ווי אן אייגן קינד, ציטערן איבער איר, גיבן איר נאָך, וואָס איר האַרץ גלוסט. נישטאָ קיין צו טײַערס פאַר בוזין. בוזי האָט געזאָגט, אַז זי וויל גיין מיט מיר אָנרײַסן גרינס אַפּ שוווּעס (דאָס האָב א י כ זי אַרופגעפירט דערויף), האָט דער טאַטע א זאָג געטאָן צו דער מאַמע: „ווי מיינסטו?" און ביים-מײַסע האָט ער אַריבערגעקוקט אַריבער די זילבערנע ברילן און געגלעט זיך די זילבערנע פעדעם פון זײַן זילבער-באָרד. און עס גייט אַוועק א שמועס צווישן טאַטע-מאַמע וועגן אונדזער גיין אַליין הינטער דער שטאָט אַרויס אָנרײַסן גרינס אַפּ שוווּעס.

דער טאַטע: וואָס זאָגסטו?

די מאַמע: וואָס זאָגסטו?

דער טאַטע: זאָל מען זיי לאָזן גיין?

די מאַמע: פאַרוואָס זאָל מען זיי נישט לאָזן גיין?

דער טאַטע: איך זאָג דען, אַז ניין?

די מאַמע: וואָס זשע דען זאָגסטו?

דער טאַטע: איך זאָג נאָר, צי זאָלן זיי גיין?

די מאַמע: פאַרוואָס זאָלן זיי נישט גיין?

און אַזוי ווײַטער. איך ווייס, וואָס זיי קוועטשט. עפּשער צוואַנציק מאָל זאָגט מיר אָן דער טאַטע, און נאָכן טאַטן אויך די מאַמע, אַז דאָרט איז דאָ א בריקל, און אונטערן בריקל איז דאָ א וואַסער — א טײַכל, א טײַכל...

5

מיר, איכ אונ בוזי, האָבנ שוינ לאַנג פאַרגעסנ דאָס בריקל מיטנ וואַסער, מיטנ טײַכל. מיר טראָגנ זיכ איבער דער ברייטער פרײַער לעוואַדע, אונטערנ ברייטנ פרײַענ הימל. מיר לויפנ איבערנ גרינעמ פעלד, פאַלנ אונ קאַטשענ זיכ אינעמ שמעקנדיקנ גראָז. מיר שטייענ אופ, פאַלנ אונ קאַטשענ זיכ נאָכאַמאָל אונ נאָכאַמאָל, אונ קיינ גרינס אפּ שוועמ הייבנ מיר נאָכ אַלץ נישט אָנ צו רײַסנ. איכ פיר בוזינ אינ דער לענג אונ אינ דער ברייט איבער דער לעוואַדע. איכ באַרימ זיכ פאַר איר מיט מײַנע מאַיאָנטקעס.

— זעסטו אָט די ביימער? זעסטו אָט דעמ זאַמד? זעסטו אָט דאָס בערגל?

— איז דאָס אינגאַנצנ דײַנס?

אַזוי זאָגט צו מיר בוזי, אונ אירע אויגנ לאַכנ. מיכ פאַרדריסט עס, וואָס זי לאַכט. טאָמיד איז בא איר אַזאַ טעווע לאַכנ פונ מיר. איכ בלאָז זיכ אָנ אונ קערעווע מיכ אָפּ אפּ אַ ווײַלע פונ בוזינ. שטויסט זיכ בוזי, אַז איכ בינ בערויגעז. פאַרגייט זי צו מיר פונ פאָרנט, פאַרקוקט מיר אינ די אויגנ אַרײַנ אונ נעמט מיכ אָנ בא דער האַנט אונ זאָגט צו מיר: „שימעק!“... פליט אַוועק דער רויגעז, אונ אַלצ ווערט פאַרגעסנ. אונ איכ נעמ זי פאַר דער האַנט, אונ איכ פיר זי צו מײַנ בערגל, דאָרטנ, ווו איכ זיצ מיר טאָמיד, אַלע יאָר. וויל איכ, זיצ איכ מיר. וויל איכ, הייב איכ מיכ אופ דורכנ שעמ-האַמפוירעש אונ פלי מיר, ווי אַנ אָדלער, העכער פונ דער כמאַרע, איבער פעלדער אונ וועלדער, איבער יאַמימ אונ מידבאָריעס...

דאָרטן, אפּן בערגל, זיצן מיר, איך און בוזי (קיין גרינס אפּ שוווּעס האָבן מיר נאָך אלץ נישט אָנגעריסן), און דער־ציילן מייַסעס. דאָס הייסט: איך דערציייל, און זי האָרכט. איך דערציייל איר פון דעם, וואָס וועט זייַן אמאָל, אמאָל, אז איך וועל זייַן א גרויסער און זי א גרויסע און מיר וועלן זיך נעמען... מיר וועלן זיך באלד אופהייבן דורכן שעמ־האמפּוירעש אריבער דער כמארע און וועלן ארומרייַזן די גאנצע וועלט. פריער וועלן מיר זייַן אין אלע לענדער, ווו אלעקסאנדער מוקדן איז געוועג... און נאָכדעם וועלן מיר געבן א פאָר איבער קיין ערעצ־יִסראָעל. דאָרט וועלן מיר זייַן אפּ אלע בסאָמים־בערג, אין אלע ווייַנגערט־נער, אָנשטופּן פולע קעשענעס מיט באָקסערן, פייַגן, טייטלען און איילבירטן און אוועקפליִען פון דאָרטן נאָך ווייַטער און ווייַטער. און אומעטום וועלן מיר אָפּטאָן אן אנדער שפּיצל, וואָרעמ קיינער וועט דאָך אונדז נישט זען...

— קיינער וועט אונדז נישט זען? — פרעגט מיך בוזי און כאפּט מיך אָן פאר די הענט.

— קיינער, קיינער! מיר וועלן זען אלעמען, און אונדז וועט נישט זען קיינער.

— וויבאלד אזוי, שימעק, האָב איך צו דיר א באקאָשע.

— א באקאָשע?

— א קליינע באקאָשע...

נאָר איך ווייס פריער איר באקאָשע. זי וויל, אז מיר זאָלן זיך דורכפאָרן אהין, ווו איר מאמע האָט כאסענע געהאט. אָפּטאָן עפּעס א שפּיצל איר שטיפטאטן...

— פארוואָס נישט? — זאָג איך צו איר.—מיטן גרעסטן

קאָווער! אפ מיר מעגסטו זיך שוין פארלאָזן, נארעלע. איך קאָן זיי אָפּטאָן אזעלכעס, אז זיי זאָלן מיך האָבן צו געדענקען!

— נישט זיי, נאָר א י ם, א י ם א ל י י ן. — בעט זיך בא מיר בוזי. נאָר נישט אזוי גיך פוועלט זי דאָס בא מיר. מיך, אז מע צעקאסט, איז מיט סאקאָנעס־נעפּאָשעס! וואָס הייסט, איך וועל איר אָפּשווייַגן אזא מייַסע? א פּאָטעפּאלנעסט פון א ווייַבל — נעמען און כאסענע האָבן מיט אן אנדער טאטן, פארפאָרן צו אלדי שווארצע יאָר און אוועקווארפן א קינד, נישט אריַינשרייַבן קיין בריוול אפילע! היתכן[1] ? ווו איז דאָס געהערט געוואָרן אזא רעציכע?!..

7

אומזיסט האָב איך מיך אזוי צעפלאקערט. איך האָב כאראָטע, ווי הינט עסן מיך. נאָר ס'איז שוין פארפאלן. בוזי האָט פארשטעלט דאָס פּאָנעם מיטביידע הענט. זי וויינט? איך וואָלט גענומען און צעריסן זיך אליין אפ שטיקלעך! צו וואָס האָט מיר געטויגט אָנרירן איר וויטעק — די מאמע אירע? שטיל אין הארצן בא זיך רופ איך מיך אָן מיט אלע מיעסע נעמען: „פערד! בעהיימע! אָקס! קאלב! לעקיש! לאַנגע צונג!“... איך רוק מיך צו צו איר. איך נעם זי אָן בא דער האנט: „בוזי! בוזי!“ איך וויל איר זאָגן מיטן לאָשן פון שיר־האשירים: „ה ר א י נ י א ת מ ר א י ך — לאָז מיך זען דייַן פּאָנעם, ה ש מ י ע י נ י א ת ק ו ל ך[2] — לאָז מיך הערן דייַן שטים“...

פּלוצעם... פונוואנען האָבן זיך גענומען אהער דער טאטע מיט דער מאמע?

---

[1] האיתּכן?
[2] הראִיני את מַראַיך, השמיִעני את קולֵיך.

איך דערציהל, און זי האָרכט.

דעם טאטנס זילבערנע ברילן גלאנצן פונדערווייטן. די זילבערנע פעדעם פון זיין זילבער-באָרד האָבן זיך צעלאָזט אפּן ווינטל. און די מאמע מאכט צו אונדז פונדערווייטן מיט דער פאטשיילע. מירביידע, איך און בוזי, זיינען געבליבן זיצן, ווי געליימט. וואָס טוען דאָ טאטע-מאמע?

דאָס זיינען זיי געקומען צו אונדז אהער, געוואָר ווערן, וואָס מיר מאכן. צי האָט זיך ניט געטראָפן מיט אונדז, כאס-ווּעשאָלעם, עפּעס אן אומגליק? א קאשע אפ א מייסע — א בריקל, א וואסער, א טייכל, א טייכל, א טייכל...

מאָדנע טאטע-מאמע!

— און ווּ איז אייער גרינס?

— וואָסער גרינס?

— דאָס גרינס, וואָס איר זייט געגאנגען אָנרייסן אפּ שווּעס?..

מיר ביידע, איך און בוזי, קוקן זיך איבער. איך פארשטיי אירע אויגן. איך פארשטיי איר קוק. און עס דאכט זיך מיר, אז איך הער, ווי זי זאָגט צו מיר מיטן לאָשן פון שיר-האשירים:

„מי יתנך כאח לי [1] — אָ, ווען דו ביסט מיר א ברו-דער!.. פארוואָס ביסטו מיר נישט קיין ברודער?"...

. . . .

— מיילע, גרינס אפ שווּעס ווערט שוין מיסטאמע ווי-עס-איז זיין. — זאָגט דער טאטע מיט א שמייכל, און די זיל-בערנע פעדעם פון זיין זילבער-באָרד גלאנצן אָפּ אין די ליכ-

[1] מי יוטענכאָ קעאָכ לי׳

טיקע שטראַלן פון דער גינגאָלדענער זון. — אבי, געלויבט דער אייבערשטער, די קינדער זײַנען געזונט און ס׳איז זיי כאָ־לילע קיין זאַך ניט געשען.

— געלויבט איז גאָט! — ענטפערט אים די מאַמע און ווישט זיך מיט דער פאַטשיילע דאָס רויטע פאַרשוויצטע פּאָנעם. און ביידע קוועלן זיי אָן, ווערן ברייטער ווי לענגער.

מאָדנע, מאָדנע טאַטע־מאַמע!

. . . .

אינ דער דאָזיקער נאכט

1

„לבני היקר מוהר"ר... [1]

„איכ שיק דיר 0Q רו"כ אונ בעט דיכ, מייַנ זונ, זאָלסט מיר טאָנ צוליב אונ קומענ צו פאָרנ אהיימ אפ פייסעכ. עס איז מיר א ביזאָיענ פאר דער וועלט אפ מייַנע עלטערע יאָרנ. מע האָט איינ שטיקל זונ א בענ-יאָכיד, אונ מע איז ניט זויכע אימ צו זענ. אויכ די מאמע בעט דיכ ראכמימ, אז דו זאָלסט לעמאנ-האשעמ קומענ צו פאָרנ אפ פייסעכ. אונ זייַ וויסנ, אז בוזינ קומט מאזלטאָוו. זי איז לעמאזל א קאלע געוואָרנ. אימירצעשעמ, שאבעס נאָכ שוועס איז די כאסענע.
ממני אביך [2] ..."

. . . .

אָט דאָס שרייַבט צו מיר מייַנ טאטע — דאָס ערשטע מאָל אזוי שארפ. דאָס ערשטע מאָל פאר דער גאנצער צייַט, פונ זינט מיר זייַנענ זיכ צעגאנגענ. אונ צעגאנגענ זייַנענ מיר

---

[1] ליבני האיאָקאָר מוהר"ר.
[2] מימעני אָוויכאָ.

זיכ מיטנ טאטנס שטיל, נישט געקריגט זיכ. איכ האָב ווידערשפעניקט זייַנ געבאָט. נישט געוואָלט גיינ אינ זייַנע וועגנ. געגאנגענ מייַנ אייגענעמ וועג — זיכ אוועקגעלאָזט לערנענ. פריִער איז ער געווענ בערויגעז, געזאָגט, אז ער וועט מיר קיינמאָל ניט מויכל זייַנ, סייַדנ ער וועט ליגנ אפנ טויטנ־בעט. דערנאָכ האָט ער מיר מויכל געווענ. דערנאָכ האָט ער מיר אָנגעהויבנ שיקנ געלט: „איכ שיק דיר 00 רו״כ, אונ עס לאָזט דיר גריסנ די מאמע גאָר פרייַנטלעכ". קורצע, טרוקענע בריוו. אויכ מייַנע בריוו צו אימ זייַנענ געווענ קורצע, טרוקענע בריוו: „דייַנ בריוו מיט די 00 רו״כ האָב איכ מעקאבל געווענ אונ לאָז גריסנ דער מאמענ גאָר פרייַנטלעכ".

קאלט, מוירעדיק קאלט זייַנענ געווענ אונדזערע ביידנס בריוולעכ. ווער האָט צייַט געהאט דאָס צו באמערקנ אינ דער וועלט פונ כאלוימעס, ווו איכ האָב מיכ געפונענ? נאָר דעמ טאטנס בריוו אציינד האָט מיכ אופגעוועקט. ניט אזוי דעמ טאטנס קלאָגנ זיכ, וואָס ס'איז אימ א ביזאָיענ פאר דער וועלט (איכ בינ מיכ מוידע). אונ ניט אזוי דער מאמעס באקאָשע, וואָס זי בעט ראכמימ — קיינ זאכ האָט מיכ אזוי ניט גענומענ (איכ בינ מיכ מוידע), ווי די עטלעכע ווערטער: „אונ זייַ ווייסנ, אז בוזינ קומט מאזלטאָוו"...

בוזי — אָט די בוזי, וואָס איר גלייַכנ איז ניטאָ אינ ערגעצ ניט, סייַדנ אינ שיר־האשירימ. אָט די בוזי, וואָס איז איינגעקניפט אונ אויסגעבונדנ מיט מייַנע יונגע יאָרנ. אָט די בוזי, וואָס איז אלעמאָל געווענ די פארקישעפטע באס־מאלקע פונ אלע מייַנע ווונדערלעכע באָבע־מייַסעס, די שענסטע פרינצעסנ פונ מייַנע גאָלדענע כאלוימעס — אָט די בוזי איז איצט א קאלע? עמעצנס, ניט מייַנע?!..

2

ווער איז בוזי? — אַך, איר ווייסט ניט, ווער בוזי איז? איר האָט פאַרגעסן? איך מוז אײַך נאָכאמאָל איבערדערציילן איר ביאָגראַפיע אינקורצן, און מיט דעם אייגענעם לאָשן, וואָס איך האָב אײַך דערציילט אַמאָל, מיט יאָרן צוריק.

איך האָב געהאַט אַן עלטערן ברודער — בעני. איז ער דערטרונקען געוואָרן. נאָך אים איז פאַרבליבן אַ וואַסער־מיל, אַ יונגע אַלמאָנע, צוויי פערדלעך און איין קינד. האָט מען די מיל אָפּגעלאָזט, די פערדלעך פאַרקויפט. די אַלמאָנע האָט חתונה געהאַט און איז אַוועקגעפאָרן ערגעץ ווײַט. און דאָס קינד האָט מען געבראַכט צו אונדז אין שטוב אַרײַן.

דאָס איז בוזי.

און שיין איז בוזי, ווי די שיינע שולאַמיס, וואָס פון שיר־השירים. אַלעמאָל, ווען איך האָב געזען בוזין, האָב איך מיך געמוזט דערמאָנען אין דער שולאַמיס, וואָס פון שיר־השירים. און אַלעמאָל, ווען איך האָב געלערנט אין חדר דעם שיר־השירים, איז מיר געקומען אַנטקעגן בוזי.

איר נאָמען איז פאַרצוויגן פון עסטער־ליבע: ליבוזי — בוזי. מיט מיר אינאיינעם איז זי געוואַקסן. מײַן טאַטן רופט זי טאַטע. מײַן מאַמען רופט זי מאַמע. אַלע האָבן געמיינט, אַז מיר זײַנען אַ ברודער מיט אַ שוועסטער. און מיר האָבן זיך ליב געהאַט, ווי אַ ברודער מיט אַ שוועסטער.

ווי אַ ברודער מיט אַ שוועסטער פלעגן מיר זיך פאַרקלײַבן אין אַ ווינקעלע, און דאָרט פלעג איך איר דערציילן באָבע־מײַסעס פון חדר, פון מײַן כאַוועך שמיקע, וואָס ווייסט אַלצדינג, אפילו קאַבאָלע. דורך קאַבאָלע, האָב איך איר געזאָגט, קאָן איך מאַכן קונצן: צאַפּן ווײַן פון אַ שטיין

און גאָלד פון דער וואנט. מיט קאבאָלע, האָב איך איר געזאָגט, קאָן איך מאכן אזוי, אז מירביידע זאָלן זיך אופהייבן ביז דער כמארע, און נאָך העכער פון דער כמארע. אך, האָט זי ליב געהאט האָרכן פון מיר מייַסעס. איין מייַסע נאָר האָט בוזי פייַנט געהאט פון מיר צו האָרכן: פון א באס־מאלקע, פון א פרינצעסן, וואָס מע האָט זי פארקישעפט, אופגעכאפט פון אונטער דער כופע און ארייַנגעזעצט אין א קרישטאָלענעם פאלאצ אפ זיבן יאָר, און איך פלי זי אויסלייזן... אלצדינג האָט בוזי ליב געהאט צו הערן, נאָר ניט פון קיין פארקישעפטער באס־מאלקע, וואָס איך זאָל דארפן פליִען זי אויסלייזן. „מע דארפ ניט פליִען אזוי וויַיט, פאָלג מיך, מע דארפ נישט!“... אזוי האָט געזאָגט צו מיר בוזי, אוועקגעשטעלט אפ מיר אירע שיינע בלויע שיר־האשירים־אויגן.

אָט דאָס איז בוזי.

איצט שרייַבט מען מיר, אז עס קומט איר מאזלטאָוו, זי איז א קאלע געוואָרן. בוזי איז א קאלע. עמעצנס א קאלע. עמעצנס, ניט מייַנע! האָב איך מיך אוועקגעזעצט און אָפגעענטפערט דעם טאטן מיט א בריוו:

„לכבוד אבי היקר מוהר״ר [1] ...

דייַן בריוו מיט די 00 רו״ב האָב איך מעקאבל געוועז. אין עטלעכע טעג ארום, ווי נאָר איך ווער פארטיק, אזוי קום איך צו פאָרן. אפ די ערשטע טעג פייסעך אָדער אפ די אנדערע — נאָר זייַן וועל איך. איך לאָז גריסן דער מאמען גאָר פרייַנטלעך. און בוזין — מאזלטאָוו. איך ווינטש איר גליק...

ממני בנך [2] ...“

---

[1] ליכוווּיד אָווי האיאָקאָר מוהר״ר.

[2] מימעני בינכאָ.

3'

ס'א ליגן. נישט איך האָב געהאט מיט וואָס פאַרטיק צו ווערן. נישט איך האָב גערדאַרפט וואַרטן עטלעכע טעג. דעם זעלבן טאָג, וואָס איך האָב באַקומען פונעם טאַטן דעם דאָזיקן בריוו און געענטפערט מיט מײַן בריוו, האָב איך מיך אופגעזעצט און בין געפלויגן אַהיים און בין געקומען צו פליִען פונקט דעם טאָג, וואָס ערעוו יאָמטעוו. אין א וואַרעמען ליכטיקן ערעוו־פּייסעכיקן טאָג.

און האָב געטראָפן מײַן שטעטל פונקט אַזוי, ווי איך האָבן עס איבערגעלאָזט אַמאָל, מיט יאָרן צוריק. נישט פאַרענדערט אַף א האָר, נישט געמינערט א טראָפּן. די אייגענע שטאָט. די אייגענע מענטשן. דער אייגענער ערעוו־פּייסעכיקער אינדרויסן מיטן אייגענעם ערעוו־פּייסעכיקן טאַרעראַם.

איין זאַך נאָר האָט געפעלט: דער שיר־האַשירים. ניין. עס איז שוין נישט מער שיר־האַשירימדיק, ווי ס'איז געווען אַמאָל, מיט יאָרן צוריק. אונדזער הויף איז שוין נישט מער שלוימע האַמיילעכס ווײַנגאָרטן, וואָס אין שיר־האַשירים. דאָס האָלץ מיט די קלעצער, מיט די ברעטער, וואָס ליגן אָנגעוואָרפן בא אונדזער שטוב, איז שוין נישט מער טעגענביימער און בוקסנביימער. די קאַץ, וואָס ליגט בא דער טיר און וואַרעמט זיך אַף דער זון, איז שוין נישט מער פון די פעלד־אינדן, וואָס באַגעגענען זיך אין שיר־האַשירים. דער באַרג, וואָס אַף יענער זײַט שול, איז שוין ניט מער דער לעוואָנען. ניט מער פון די בסאָמים־בערג... די ווײַבלעך און מיידלעך, וואָס שטייען אין דרויסן און וואַשן און פּרעסן און רייניקן און קאַשערן אַף פּייסעך, זײַנען שוין ניט מער די

טעכטער פונ יערושאָלאַימ, וואָס ווערנ דערמאָנט אינ שיר־האשירימ... וווּ איז אהינגעקומענ מײַנ אמאָליקע יונגע, פרישע, קלאָרע, ליכטיקע, מיט בסאָמימ שמעקנדיקע שיר־האשירימ־וועלט?..

4

איכ האָב געטראָפנ מײַנ היימ פונקט אזוי, ווי איכ האָב זי איבערגעלאָזט מיט יאָרנ צוריק. נישט פארענדערט א האָר, נישט געמינערט א טראָפּנ. דער טאטע — ווי געווענ. נאָר זײַנ זילבער־באָרד איז געוואָרנ עטוואָס נאָכ מער געזילבערט. זײַנ ברייטער ווײַסער געקנייטשטער שטערנ — נאָכ עטוואָס מער געקנייטשט. אפּאָנעמ, פונ דײַגעס...

אויכ די מאמע — ווי געווענ. נאָר דאָס רויטע פּאָנעמ איז געוואָרנ געלבלעכ. אונ דאכט זיכ מיר, אז קלענער איז זי געוואָרנ אינ וווּקס. אונ עפּשער ווײַזט זיכ מיר אויס, דערפאר ווײַל זי האָט זיכ א ביסל אײַנגעבויגנ, אײַנגעבויגנ צו דער ערד? אונ די אויגנ זײַנענ איר רויטלעכ אונ מיט קישעלעכ, ווי אונטערגעשוואָלנ. שוינ זשע פונ געוויינ?..

אפּ וואָס האָט געוויינט מײַנ מאמע? אפּ וועמענ? אפּ מיר, איר בענ־יאָכיד, וואָס איכ האָב נית געוואָלט פאָלגנ דעמ טאטנ אונ האָב ווידערשפּעניקט זײַנ געבאָט, נישט געוואָלט גיינ אינ זײַנע וועגנ, געגאנגענ מײַנ אייגענעמ וועג, זיכ אוועקגעלאָזט לערנענ אונ אזוי לאנג אינ דער היימ נישט געווענ? צי אפּ בוזינ ווײנט מײַנ מאמע, וואָס האָט כאסענע שאבעס נאָכ שווּעס?..

אכ, בוזי! אויכ זי האָט זיכ אפּ קיינ האָר נית פארענדערט. נית געמינערט א טראָפּנ. אויסגעוואקסנ איז זי נאָר. אויסגעוואקסנ אונ שענער געוואָרנ. נאָכ שענער, ווי ווענ־

ס׳ניט־איז אמאָל. הויך און שלאנק און רײַף און מאָלע־כיינ אויגן — די זעלבע שיינע בלויע שיר־האשירים־אויגן. נאָר מער פארטראכטע, ווי אמאָל. פארטראכטע, פארטיפטע, פארזאָרגטע, שיינע, בלויע שיר־האשירים־אויגן. און א שמייכל אפ די ליפּן. און פרײַנטלעך, און ליב, און היימיש, און צוגעלאָזט, און שטיל, ווי א טויב, צנועדיק־שטיל.

קוק איך אפ בוזין, דערמאָן איך מיך אָן יענער בוזי, וואָס אמאָל. דערמאָן איך מיך אָן אירע נאָרוואָס אופגענייטע יאָמ־טעוודיקע קליידלעך, וואָס די מאמע האָט איר דעמלט אופ־גענייט אפ פּייסעך. דערמאָן איך מיך אָן אירע נײַע קליינע יאָמטעוודיקע שיכלעך, וואָס דער טאטע האָט איר דעמלט געקויפט אפ פּייסעך. און דערמאָן איך מיך אָן יענער בוזי, וואָס אמאָל, אזוי קומט מיר ניט־ווילנדיק דאָס לאנג־פאר־געסענע שיר־האשירימ ווידעראמאָל, א פּאָסעק נאָך א פּאָ־סעק: „איינגעלעך ווי טײַבעלעך, הערעלעך ווי ציגעלעך, גליטשנ זיך בארג־אראָפּ... ציינדעלעך — ווײַסע שעפּעלעך, נאָרוואָס פון טײַך ארויס, איינס־און־איינס. שנירעלעך — אירע ליפּן. אז זי רעדט, איז צוקער־זיס“...

איך קוק אצינד אפ בוזין, און עס ווערט שוין אלעס ווי דער שיר־האשירימדיק, ווי אמאָל־אמאָל, מיט יאָרן צוריק.

5

— בוזי, דיר קומט מאזלטאָוו?

זי הערט ניט. וואָס זשע האָט זי אראָפּגעלאָזט די אויגן? וואָס זשע זײַנען רויט געוואָרן אירע בעקלעך? ניין. איך מוז איר אָפּגעבן מאזלטאָוו.

— מאזלטאָוו דיר, בוזי!

— מיט מאזל זאָלסטו לעבן.

און מער נים. פרעגן זי — קאָן מען נים. ריידן מיט איר — איז ניטאָ ווו. עס לאָזט מיך נים דער טאטע. עס לאָזט מיך נים די מאמע. עס לאָזן מיך נים די קרויווים, די מיש־פּאָכע, די שכיינים, וואָס קומען אריין מיך מעקאבל־פּאָנעם זיין. דער ארײַן, דער ארויס. אלע שטייען ארום מיר. אלע באטראכטן מיך, ווי א בער, ווי א מאָדנע באשעפעניש פון אן אנדער וועלט. אלע ווילן מיך זען און הערן, וואָס איך מאך און וואָס איך טו — אזא צײַט נים געזען זיך!

— דערצייל זשע אונדז עפּעס נײַס: וואָס האָסטו געזען, וואָס האָסטו געהערט?

און איך דערצייל זיי נײַס, וואָס איך האָב געזען און וואָס איך האָב געהערט. און איך קוק ביים־מײַסע אפ בוזין. איך זוך אירע אויגן און באגעגן מיך מיט אירע אויגן. מיט אירע גרויסע, טיפע, פארזאָרגטע, שיינע בלויע שיר־האשירים־אויגן. נאָר אירע אויגן זײַנען שטום, ווי אירע ליפּן, ווי זי אליין. גאָרניט זאָגן מיר אירע אויגן. גאָלע גאָרניט. און עס קומט מיר אקעגן, ווי אמאָל, דער שיר־האשירים, א פּאָסעק נאָך א פּאָסעק: „גן נעול אחותי כלה [1] — א גאָרטן א פארשלאָסענער איז מײַן שוועסטער די קאלע. א גאָרטן א פארשלאָסענער, א קוואל א פארזיגלטער"...

---

[1] גאַנ נאָול אכויסי כאלאָ.

6

און א שטורעמ הייבט זיכ אופ בא מיר אינ קאָפּ, אונ א פייַער אינ הארצנ. א פייַער — ניט אפ קיינעמ, נאָר אפ זיכ אליינ. אפ זיכ אונ אפ יענע כאלוימעס, נארישע, יונגלשע, גאָלדענע כאלוימעס, וואָס צוליב זיי האָב איכ פארלאָזנ טאטע-מאמע. צוליב זיי האָב איכ פארגעסנ אָנ בוזינ. צוליב זיי האָב איכ מאקריוו געוועזנ א שטיק פונ מייַנ לעבנ, פאר- שפילט מייַנ גליק, פארשפילט אפ אייביק!

פארשפילט? ניינ. עס קאָנ ניט זייַנ. עס קאָנ ניט זייַנ! אָט בינ איכ דאָכ געקומענ. באצייַטנס געקומענ... לאָמיכ נאָר בלייַבנ מיט בוזינ אליינ. לאָמיכ נאָר ריידנ מיט איר א פּאָר ווערטער. נאָר ווי קאָנ איכ ריידנ מיט בוזינ א פּאָר ווערטער, אז אלע זייַנענ דאָ? אז אלע זייַנענ זיי ארומ מיר? אלע בא- טראכטנ מיכ, ווי א בער, ווי א באשעפעניש פונ אנ אנדער וועלט. אלע ווילנ מיכ זענ אונ הערנ, וואָס איכ מאכ אונ וואָס איכ טו — אזא צייַט ניט געזענ זיכ!

מער פונ אלע הערט מיכ אויס דער טאטע. איבער א סייפער זיצט ער, ווי אלעמאָל, אונ פארקנייטשט איז זייַנ ברייטער שטערנ, ווי אלעמאָל, אונ קוקט אפ מיר אריבער די זילבערנע ברילנ אונ גלעט זיכ די זילבערנע פעדעמ פונ זייַנ זילבער-באָרד, ווי אלעמאָל. אונ עס דאכט זיכ מיר, אז ער קוקט אפ מיר ניט אזוי, ווי אלעמאָל. ניינ, ס'איז ניט דער קוק, וואָס אמאָל. איכ פיל עס. דער מענטש איז באליידיקט. איכ האָב ווידערשפעניקט זייַנ געבאָט. ניט געוואָלט גיינ אינ זייַנע וועגנ. געגאנגענ מייַנ אייגענעמ וועג...

אויכ די מאמע שטייט בא דער זייַט, אוועקגעוואָרפנ די קיכ מיטנ ערעוו-פייסעכ, אונ הערט מיכ מיט טרערנ אפ די

אויגן. מיטן שפיץ פאַרטעך ווישט זי ביגנייווע אַ טרער, כאַטש דאָס פּאָנעם שמייכלט, און זי הערט, ווי איך דערצייל, און זי קוקט מיר אין מויל אַרײַן און שלינגט, שלינגט איטלעכס וואָרט מײַנס.

איך בוזי זיצט אַקעגן מיר, די הענט צונויפגעלייגט אויפן האַרצן, און הערט מיך אויס גלײַך מיט זיי. גלײַך מיט זיי קוקט זי מיר אין מויל אַרײַן. גלײַך מיט זיי שלינגט זי איטלעכס וואָרט מײַנס. איך קוק אויף בוזין. און איך לייען אין אירע אויגן און קאָן ניט איבערלייענען גאָרנישט ניט. גאָרנישט ניט.

— דערצייל זשע, וואָס ביסטו אַנשוּוינגן געוואָרן? — מאַכט צו מיר דער טאַטע.

— לאָז אים צורו, האָסטו געזען אַ ביסל! — טוט זיך אַ כאַפּ די מאַמע. — דאָס קינד איז מיד, דאָס קינד איז הונגעריק. און ער: דערצייל און דערצייל! דערצייל און דערצייל!

7

ביסלעכווײַז הייבט אָן דער עולם זיך צעגיין, און מיר בלײַבן אַליין: דער טאַטע און די מאַמע, איך און בוזי. די מאַמע לאָזט זיך אַוועק אין קיך און קומט גיך צוריק מיט אַ שיינעם פּייסעכיקן טעלער — אַ באַקאַנטן טעלער, געמאָלט מיט גרויסע גרינע פֿײַגן־בלעטער.

— טאָמער וואָלסטו עפּעס גענומען אין מויל אַרײַן, שימעק? ביזן סיידער איז נאָך ווײַט.

„זאָגט צו מיר מײַן מאַמע מיט אַזוי פיל ליבשאַפט, געטרײַשאַפט און וואַרעמער איבערגעבנהײַט, און בוזי הייבט זיך אויף מיט אירע שטילע טריט און טראָגט מיר צו אַ גאָפּל־

מעפּער — באַקאַנטע פּייסעכיקע גאָפּל־מעסער. אַלץ איז מיר באַקאַנט. קיין זאַך האָט זיך ניט געענדערט. ניט געמינערט אַ טראָפּן. דער אייגענער טעלער מיט די גרויסע גרינע פּײַגנ־בלעטער. די אייגענע גאָפּל־מעסער מיט די ווײַסע ביינערנע קלעצלעך. דער אייגענער רייעך־ניכויעך פון דער פּייסעכיקער גענדזנ־שמאַלץ. דער אייגענער טאַם גאַניידנ פון די ערעוו־פּייסעכיקע צוגעפּרישטע מאַצע. ניט געענדערט אַ האָר. ניט געמינערט אַ טראָפּן.

ניט מער, וואָס דעמלט ערעוו פּייסעך האָבנ מיר גע־געסנ ביידע, איך און בוזי. פון איין טעלער, געדענק איך, האָבנ מיר געגעסנ. טאַקע אָט פון דעם באַקאַנטנ שיינעם פּייסעכיקנ געמאָלטנ טעלער, וואָס איז געמאָלט מיט גרינע פּײַגנ־בלעטער. און נים האָט אונדז דעמלט געגעבנ די מאַצע, געדענק איך. פולע קעשענעס מיט נים. און מיר האָבנ זיך גענומענ דעמלט פאַר די הענט, געדענק איך, איך און בוזי, און מיר האָבנ זיך געלאָזט פליִענ, געדענק איך, ווי די אָד־לערס. איך לויפ — זי לויפט מיר נאָך. איך שפּרינג איבער די קלעצער — זי שפּרינגט מיר נאָך. איך אַרופ — זי אַרופ. איך אַראָפּ — זי אַראָפּ.

— שימעק! ביזוואַנענ וועלנ מיר לויפנ, שימעק?

זאָגט צו מיר בוזי. און איך ענטפער איר מיטנ לאָשנ פון שיר־האַשירים: „ע ד ש י פ ו ח ה י ו ם — ביז ס'וועט אַ בלאָז טאָנ דער טאָג, ו נ ס ו ה צ ל ל י ם [1] — און עס וועל'נ אַנטלויפנ די שאָטנס“...

[1] אַד שעיאָפּואַך האַיויִם, ווענאַסו האַצלאָלימ.

8

דאָס איז געווען אמאָל, מיט יאָרן צוריק. היינט איז בוזי אויסגעוואַקסן, געוואָרן א גרויסע. און איך בין אויסגעוואַקסן, געוואָרן א גרויסער. און א קאַלע איז געוואָרן בוזי, עמעצנס א קאַלע, עמעצנס, ניט מיינע... און איך וויל בלייבן מיט בוזין אליין. און איך וויל ריידן מיט איר א פּאָר ווערטער. איך וויל הערן איר קאָל. מיטן לאָשן פון שיר־השירים ווילט זיך מיר זאָגן צו איר: „הראיני את מראיך — מאַך מיך זען דיינע אויסזיכט. השמיעיני את קולך[1] — מאַך מיך הערן דיינע שטים“... און עס דאַכט זיך מיר, אז אירע אויגן ענטפערן מיר אויך מיטן לאָשן פון שיר־השירים: „לכה דודי — קום, טייערער, נצא השדה[2] — ניט דאָ, נאָר אין דרויסן... אין דרויסן... דאָרט וועל איך דיר זאָגן. דאָרט וועל איך דיר דערציילן. דאָרטן וועלן מיר ריידן. דאָרטן“...

איך כאַפּ א קוק אין דרויסן ארויס דורכן פענצטער. אַך, ווי שיין דאָרט איז, ווי ערעוו־פּייסעכיק! ווי שיר־השירים־דיק! אן אווירע נאָר, ס'איז שוין באַלד אויס טאָג. נידעריק־נידעריק לאָזט זיך אַראָפּ די זון און באַפאַרבט דעם הימל מיט גינגאָלד. דאָס גאָלד שיינט אָפּ אין בוזיס אויגן. זיי באָדן זיך אין גאָלד. אָט באַלד שטאַרבט דער טאָג. איך וועל ניט האָבן קיין צייט אפילע מיט בוזין א וואָרט צו ריידן. דער גאַנצער טאָג איז אַוועק אף פּוסטע רייד מיטן טאַטן, מיט דער מאַמען, מיט דער מישפּאָכע — וואָס איך האָב גע־

---

1 הַראִינִי אֶת מַרְאַיִךְ, הַשְׁמִיעִינִי אֶת קוֹלֵךְ.
2 לְכָה דוֹדִי, נֵצֵא הַשָּׂדֶה.

הערט, וואָס איך האָב געזען... איך כאַפּ מיך אויף און קוק דורכן פענצטער אינ׳ם דרויסן ארויס און טו פאַרבייגייענדיק א זאָג צו בוזין:

— מיר וועלן זיך א ביסל עפּשער דורכגיין? אזא צייַט אין דער היים ניט געווען. איך וויל אָנקוקן דעם הויף, איך וויל זען די שטאָט...

9

ווייסט איר ניט, וואָס איז מיט בוזין? אָנגעצונדן האָט זיך איר דאָס פּאָנעם, ווי א העליש פייַער. ווי די זון־קוגל, וואָס האלט באַם אונטערגיין, איז זי רויט געוואָרן. זי וואַרפט א בליק אפן טאַטן. אפשר, זי וויל הערן, וואָס דער טאַטע וועט זאָגן? און דער טאַטע קוקט אפ דער מאַ־מען אריבער די זילבערנעברילן. ער גלעט די זילבערנע פּע־דעם פון זייַן זילבער־באָרד און זאָגט אין דער וועלט אַרייַן, צו קיינעם ניט:

— די זון זעצט זיך. שוין צייַט זיך איבערטאָן. גיין אין שול אַרייַן דאַווענען. שוין צייַט ליכט בענטשן. ווי מיינסטו?

ניין. איך וועל, אפּאָנעם, הייַנט ניט ריידן מיט בוזין א וואָרט ניט? מיר נעמען זיך איבערטאָן. די מאַמע איז שוין באלד איינגאַנצן פייסעכיק. זי האָט שוין אָנגעטאָן אפ זיך איר יאָמטעוודיק זייַדן מאַלבעש. אירע ווייַסע הענט שעמע־רירן. קיינער האָט ניט אזעלכע שיינע ווייַסע הענט, ווי מייַן מאַמע. אָט באלד וועט זי זיך שטעלן ליכט בענטשן. מיט אירע ווייַסע הענט וועט זי פאַרשטעלן אירע אויגן און וויינען שטילערהייט, ווי אמאָל. דער לעצטער שטראַל פון דער פאַרגייענדיקער זון וועט זיך שפּילן אפ אירע שיינע

קלאָרע ווײַסע הענט. קיינער האָט ניט אזעלכע שיינע קלאָרע ווײַסע הענט, ווי מײַן מאמע.

נאָר וואָס איז מיט בוזין? איר פּאָנעם איז אויסגעלאָשן, ווי די זון, וואָס האלט באַם זעצן זיך, ווי דער טאָג, וואָס האלט באַ אונטערגיין. נאָר שיין איז זי אוּן כּיינעוודיק, ווי קיינמאָל ניט. און טיף־טרויעריק זײַנען אירע שיינע בלויע שיר־האשירים־אויגן. און פארטראַכט זײַנען אירע אויגן.

פון וואָס טראַכט איצט בוזי? פון דעם ליבן גאַסט, וואָס זי האָט אַפּ אים אזוי ארויסגעקוקט און וואָס איז געקומען צו פליִען אזוי אומגעריכט, נאָכדעם. ווי ער איז אזא צײַט אין דער היים ניט געווען?.. אָדער פון איר מאמע, וואָס האָט כאַסענע געהאַט דאָס אנדערע מאָל און אוועקגעפאָרן ערגעץ ווײַט און פארגעסן, אז זי האָט א טאָכטער, וואָס הייסט בוזי? אָדער פון איר כאָסן טראַכט איצט בוזי, פון איר כאָסן, וואָס טאטע־מאמע האָבן איר אוואדע אָנגעהאנגען קעגן איר ווילן? און פון איר כאַסענע, וואָס דארף זײַן שאבעס נאָך שוועס מיט א מענטשן, וואָס זי קען אים ניט און ווייסט אים ניט, ווער ער איז און וואָס ער איז?.. אָדער, פארקערט, עפּשער האָב איך איגגאנצן א טאָעס? עפּשער ציילט זי גאָר די טעג פון פּייסעכ ביז שוועס, ביז שאבעס נאָך שוועס? וואָרעם דאָס איז איר אויסדערוויילטער, וואָרעם ער איז איר ליב און ער איז איר טײַער. ער וועט זי פירן אונטער דער כופּע, און אים וועט זי אוועקשענקען איר הארץ און ליבע. און מיר? מיר איז זי, אוי־ווי, ניט מער ווי א שוועס־טער. געווען א שוועסטער און געבליבן א שוועסטער... און עס דאַכט זיך מיר, אז זי קוקט אַפּ מיר מיט ראַכמאָנעס און מיט פארדראָס און זאָגט צו מיר, ווי זי האָט געזאָגט צו מיר אַמאָל, מיטן לאָשן פון שיר־האשירים: „מי יתנך כאח

לי [1] — ווענ דו ביסט מיר א ברודער! אכ, פארוואָס ביסטו מיר ניט א ברודער?!״... וואָס זאָל איכ איר ענטפערנ דערופ? איכ ווייס שוינ, וואָס איכ וועל איר ענטפערנ דע-רופ. לאָמיכ נאָר ריידנ מיט איר עטלעכע ווערטער. עטלעכע ווערטער.

ניינ. איכ וועל הײַנט ניט קאָנענ ריידנ מיט בוזינ קיינ איינציק וואָרט, קיינ האלב וואָרט אפילע. אָט הייבט זי זיכ אופ, גייט מיט שטילע גרינגע טריט צו דער שאפע, גרייט צו פאר דער מאמענ ליכט אינ די זילבערנע לײַכטערס. אלטע באקאנטע, היימישע הויכע, געבלאָזענע זילבערנע לײַכטערס. מיר זײַנענ מיט זיי גוט באקאנט אונ באפרײַנדעט פונ אמאָל. די דאָזיקע זילבערנע לײַכטערס האָבנ דאָכ פארנומענ אמאָל א בעקאָוועדנ אָרט אינ מײַנע גאָלדענע כאלוימעס בא דער פארקישעפטער באס-מאלקע אינ דעמ קרישטאָלענעמ פא-לאצ. די דאָזיקע גאָלדענע כאלוימעס מיט די דאָזיקע זיל-בערנע לײַכטערס, מיט די בענטשליכט, מיט דער מאמעס שיינע קלאָרע ווײַסע הענט, מיט בוזיס שיינע בלויע שיר-האַשירימ-אויגנ, מיט די לעצטע גאָלדענע שטראלנ פונ דער פארגייענדיקער זונ — איז עס דענ נישט איינס אונ דאָס זעלבע, געקניפט אונ געבונדנ?..

— טא! — זאָגט דער טאטע צו מיר מיט א קוק אינ פענצטער אונ מיט א ווונק, אז ס'איז שוינ צײַט זיכ איבער-טאָנ אונ גיינ אינ שול ארײַנ דאווענע.

מיר טוענ זיכ איבער, איכ אונ דער טאטע, אונ מיר גייענ אינ שול ארײַנ דאווענע.

---

[1] מי יושענכאָ קעאָב לי׳

אונדזער שול, אונדזער אלטע־אלטע שול, האָט זיך אויך ניט פאַרענדערט, איר זאָלט זאָגן א האָר. נישט געמינערט א טראָפּן. א ביסל זײַנען נאָר געוואָרן שווארצער די ווענט. נידעריקער דער אָמעד. עלטער דער אלמעמער. און דער אָרן־קוידעש האָט פאַרלאָרן דעם גלאנץ פון זײַן נײַהײַט.

ווי א קליין בייס־האמיקדעש האָט אונדזער שול אויסגע־זען אין מײַנע אויגן. איצט האָט זיך דאָס בייס־האמיקדעש אָנגעבויגן א ביסעלע אף א זײַט. אך! ווו איז אהינגעקומען די הייליקע פּראכט און גלאנץ פון אונדזער אלטער שול? ווו זײַנען די מאלאָכים, וואָס פלעגן דאָ שוועבן אונטער דעם געמאָלטן סופיט אלע פרײַטיק צו נאכט, צו קאבאָלאס־שאבעס, און אלע יאָמטעוו אף דער נאכט, צו באָרכו?

אויך די באלעבאטים פון שול האָבן זיך ווייניק־וואָס פאַרענדערט. נאָר א ביסעלע פאַרעלטערט זיך. שווארצע בערד זײַנען ווײַס געוואָרן. גלײַכע פּלייצעס האָבן זיך אויס־געבויגן. אטלעסענע קאפּאָטעס זײַנען צעהאקט געוואָרן. עס זעען זיך ארויס ווײַסע פעדעם, געלע פּאסן. מיילעך דער כאזן זינגט נאָך הײַנט אויך אזוי שיין, ווי אמאָל, מיט יאָרן צוריק. א ביסעלע נאָר איז אים פאַרדומפּן דאָס קאָל. עס הערט זיך אין זײַן דאוונען א נײַער טאָן: מער געוויינט, ווי געזונגען. מער געקלאָגט זיך, ווי געבעטן. און אונדזער ראָוו? דער אלטער ראָוו? — דער האָט זיך גאָר ניט פאַרענדערט. גע־וועזן ווי געפאלענער שניי און געבליבן ווי געפאלענער שניי. איין קלייניקייט נאָר: די הענט ציטערן אצינד. און מיטן גאנצן גוף ציטערט ער. פון אלטקייט, אפּאָנעם. אזויעל דער שאמעס, א ייד אָן א סימען פון א באָרד, וואָלט געוועזן דער

אייגענער, וואָס אמאָל, ווען נישט די ציין. ער האָט פאַר־לאָרן אלע ציין, און ער זעט אוים מיט זײַנע איַינגעפאלענע קינבאקן מער ווי א ייִדענע, ווי איידער א מאנצבל. נישקאָ־שע, ער קלאפּט נאָך היַינט אויך מיטן פראטש איבערן שולכן, אז עס קומט צו שמוינע־עסרע. עמעס, שוין נישט דער קלאפּ, וואָס אמאָל. אמאָל, מיט יאָרן צוריק, האָט מען גע־קאָנט טויב ווערן פון זײַן קלאפּן. היַינט שוין נישט. אפּאָ־נעם, נישטאָ דער קויעך, וואָס אמאָל. געווען א ייִד א גוואר.

אמאָל, מיט יאָרן צוריק, איז מיר דאָ געווען גוט, געדענק איך, גוט אָן אן ערעך, אָן א מאָס! דאָ, אין דעם קליינעם ביים־האמיקדעש, האָט מײַן קינדערשע נעשאָמע אמאָל, מיט יאָרן צוריק, געשוועבט איניינעם מיט די מאלאָכים אונטער דעם געמאָלטן סופיט. דאָ, אין דעם קליינעם ביים־האמיקדעש, האָב איך אמאָל, מיט יאָרן צוריק, איניינעם מיטן טאטן און מיט אלע ייִדן, געשמאק און ערנסט געדאוונט...

11

און אָט בין איך איצט ווידעראמאָל אין מײַן אלטער אמאָליקער שול, און איך דאוון מיט אונדזערע אלטע אמאָ־ליקע באלעבאטים, און איך הער דעם אייגענעם כאזן, וואָס אמאָל, וואָס זינגט מיטן אייגענעם ניגן, וואָס אמאָל. און דער אוילעם דאוונט געשמאק און ווארעם און מיטן זעלבן נוסעך, וואָס אמאָל. און איך דאוון איניינעם מיטן אוילעם. נאָר מײַנע געדאנקען זײַנען ווײַט פונעם דאוונען. איך מייש א בלעטל נאָך א בלעטל אין מײַן סידער און — איך בין ניט שולדיק — עס מישט זיך מיר אוּפ שיר־האשירים קאפּיטל ד': „ה נ ך י פ ה ר ע י ת י — ווי שיין דו ביסט, כאווער־

טאָרן מײַנע. הנך יפה, עיניך יונים[1] — ווי שײַנ דו ביסט מיט דײַנע טויבנ־אויגנ"... איך וואָלט וועלנ דאַוונען גלײַך מיט אלע, גלײַב ווי איך האָב אמאָל גע־דאַוונט. נאָר עס דאַוונט זיך ניט! איך מיש א בלעטל נאָך א בלעטל אינ מײַנ סידער אונ — איך בינ ניט שולדיק — עס מישט זיך אופ ווידער שיר־השירים קאַפּיטל ה': „באתי לגני, אחותי כלה[2] — איך בינ געקומענ אינ מײַנ ווײַנגאָרטנ, מײַנ שוועסטער די קאַלע"...

אונ ווײַטער: „איך האָב געקליבנ מײַנע קרײַטער, גע־שמעקט מײַנע בסאָמימ, גענעסנ מײַנ האָניק, געטרונקענ מײַנ ווײַנ"...

נאָר וואָס רייד איך? וואָס זאָג איך? דער גאָרטנ איז נישט מײַנער. איך וועל נישט קלויבנ קיינ קרײַטער, ניט שמעקנ קיינ בסאָמימ, ניט עסנ קיינ האָניק, ניט טרינקענ קיינ ווײַנ. דער גאָרטנ איז ניט מײַנ גאָרטנ. בוזי איז נישט מײַנ קאַלע. בוזי איז עמעצנס א קאַלע. עמעצנס, נישט מײַנע!.. אונ עס קאָכט אינ מיר א גענעמ. נישט אפ בוזינ. נישט אפ קיינעמ. נייִנ. אפ מיר אליינ: סטײַטש, ווי האָב איך געקאָנט אינ אזא צײַט זײַנ אזוי ווײַט פונ בוזינ? ווי האָב איך געקאָנט דערלאָזנ, אז מע זאָל צונעמענ פונ מיר בוזינ אונ אָפּגעבנ זי צו אנ אנדערנ? האָט זי מיר דענ ניט גע־שריבנ אלעמאָל בריוולעך אונ געגעבנ אָנצוהערעניש, „אז זי האָפט אינ גיכע צײַטנ זיך מיט מיר צו זענ?"... האָב איך איר דענ ניט אָפּגעלייגט אלעמאָל פונ איינ יאָמטעוו אפנ אנדערנ, אזוי לאַנג, ביז זי האָט מיר אופגעהערט צו שרײַבנ?..

---

[1] הינאַך יאָפאָ ראַאיאָסוי הינאַך יאָפאָ, אייניאוך יוינים.
[2] באָסי לעגאַני, אכויסי כאַלאָ.

— גוט־יאָמטעוו. דאָס איז מײַן זון.

אזוי שטעלט מיך פאָר דער טאטע נאָכן דאווענען פאר די באלעבאטים אין שול, וואָס באטראכטן מיך פון אלע זײַטן און גיבן מיר אָפּ און נעמען צו פון מיר דעם שאָלעם־אליי־כעם, ווי אַן אלטן כוויוו.

— דאָס איז מײַן זון...

— דאָס איז אײַער זון? נא דיר אָפּ שאָלעם.

אין דעם טאטנס ווערטער „דאָס איז מײַן זון" זײַנען דאָ אלערליי פארבן: פרייד און גאדלעס און פארדראָס. מע קאָן לערנען דעם פשאט, ווי מע וויל: „וואָס זאָגט איר? דאָס איז דאָך מײַן זון!"... אָדער: „שטעלט אײַך פאָר — דאָס איז מײַן זון!"...

איך פיל זײַן הארץ. דער מענטש איז באליידיקט. איך האָב ווידערשפעניקט זײַן געבאָט. איך בין נישט געגאנגען אין זײַנע וועגן. איך בין מיר געגאנגען אין מײַן אייגענעם וועג און האָב אים פארעלטערט פאר דער צײַט. ניין, ער האָט מיר נאָך ניט מויכל געווען. ער זאָגט דאָס מיר ניט. ער פארשפאָרט עס מיר צו זאָגן. איך פיל עס אליין. דאָס זאָגן מיר זײַנע אויגן, וואָס קוקן מיר דורך די זילבערנע ברילן גלײַך אין הארצן אריין. דאָס זאָגט מיר דער שטילער זיפץ, וואָס רײַסט זיך ארויס פון צײַט צו צײַט פון זײַן אלטער שוואכער ברוסט... מיר גייען ביידע פון שול אהיים און שווײַגן. מיר גייען שפעטער פון אלעמען. די נאכט האָט פארשפרייט אירע פליגל איבערן הימל, און אראָפּגעלאָזט האָט זיך איר שאָטן אפּ דער ערד. א שטילע, א ווארעמע, א הייליקע פייפעכיקע נאכט איז דאָס. א נאכט פול מיט סוידעס

און רעטענישן. פול מיט ווונדער. די הייליקייט פון דער דאַ־זיקער נאכט פילט זיך אין דער לופט. קוקט אַראָפּ פונעם טונקל־בלויענעם הימל. וועגן איר שמועסן זיך דורך שטילער־הייט די שטערן. יעצ־אס־מיצראים לאָזט זיך הערן פון דער דאָזיקער נאכט...

מיט גיכע־גיכע טריט גיי איך אהיים אין דער דאָזיקער נאכט. און דער טאטע — קוים וואָס ער גייט מיר נאָך. ווי א שאָטן גייט ער מיר נאָך. „וואָס יאָגסטו אזוי?" — פרעגט מיך דער טאטע, קוים וואָס ער כאפּט דעם אָטעם.

עכ, טאטע, טאטע! זעסטו דען ניט, אז איך בין געגליכן צו א הירש, אָדער צו אן אינד פון די אינדן אפ די בסאָמים־בערג?.. מיר איז לאנג, טאטע, צו לאנג די צייט. מיר איז ווייט, טאטע, צו ווייט דער וועג, דעמלט, ווען בוזי איז א קאלע. עמעצנס א קאלע. עמעצנס, ניט מיינע!.. איך בין גע־גליכן צו א הירש, אָדער צו אן אינד פון די אינדן אפ די בסאָמים־בערג.

אזוי ווילט זיך מיר ענטפערן מיין טאטן מיטן לאָשן פון שיר־האשירים, און איך פיל נישט די ערד אונטער זיך. און איך גיי מיט גיכע־גיכע טריט אהיים אין דער דאָזיקער נאכט. און מיין טאטע — קוים וואָס ער גייט מיר נאָך. ווי א שאָטן גייט ער מיר נאָך אין דער דאָזיקער נאכט.

13

מיט דעם אייגענעם „גוט־יאָמטעוו", וואָס מיר פלעגן אריינקומען אין דער דאָזיקער נאכט פון שול אהיים אמאָל, מיט יאָרן צוריק, זיינען מיר אריינגעקומען אויך אצינד — איך און דער טאטע.

מיט דעם אייגענעם „גוט־יאָמטעוו — „גוט־יאָר", וואָס די מאמע און בוזי פלעגן אונדז באַגעגענען אין דער דאָזי־קער נאַכט אַמאָל, מיט יאָרן צוריק, האָבן זיי אונדז באַגעגנט אויך אַצינד.

די מאַמע, די מאַלקע, אָנגעטאָן אין איר קיניגלעכער זײַדן מאַלבעש, און די באָס־מאַלקע, בוזי, — אין איר שניי־ווײַס קלייד. אָבער פּונקט דאָס אייגענע בילד, וואָס אַמאָל, מיט יאָרן צוריק, נים פאַרענדערט אַפּ אַ האָר, נישט געמינערט אַ טראָפּן.

ווי מיט יאָרן צוריק, אַזוי אויך אַצינד, אין דער דאָזי־קער נאַכט, איז אונדזער שטוב פול מיט ליכט. אַ באַזונדערע שיינקייט, אַ הייליקע, יאָמטעוודיקע, מאַיעסטעטישע שיינקייט האָט אַראָפּגענידערט אַפּ אונדזער שטוב. אַ הייליקער, יאָמטעוודיקער גלאַנץ איז אויסגעגאָסן אַפּ אונדזער שטוב אין דער דאָזיקער נאַכט. דאָס ווײַסע טישגעבעט — געפּאַ־לענער שניי. דער מאַמעס בענטשליכט שײַנען אַרויס פון די זילבערנע לײַכטערס. עס לאָזט גריסן פון די פלעשער אַרויס דער אַרבע־קוסעס־ווײַן. אַך, ווי צנועדיק־נאַיוו עס קוקן אַרויס פון דער קערע די אויסשולדיקע מאַצעס! ווי ליב עס שמייכלט דער אָנגעריבענער מאָרער־כריין, דער קאָמפּליצירטער כאַ־רויסעס מיטן אָנגעגרייטן זאַלצוואַסער! פײַערלעך און מיט שטאָלץ שטייט אויסגעבעט דעם מײַלעכס שטול, דאָס עסע־בעט. אַפּ דער מאַלקעס פּאָנעם רוט די שכינע, ווי אַלעמאָל אין דער דאָזיקער נאַכט. און די באָס־מאַלקע (בוזי) איז אין־גאַנצן, פון אויבן ביז אַראָפּ, שיר־האַשירימדיק. ניין, וואָס זאָג איך? — זי איז דער שיר־האַשירים אַליין.

אַן אַוויירע נאָר, וואָס מע האָט דעם בען־מעלעכ אוועק־געזעצט אַזוי ווײַט פון דער באָס־מאַלקע. אַמאָל זײַנען זיי,

געדענק איך, אנדערש געזעסן באַם סיידער. איינינעם, איינס לעבן אַנדערן, זײַנען זיי געזעסן. דער בען־מעלעך האָט גע־פרעגט דעם טאַטן, געדענק איך, די פיר קאַשעס, און די באַס־מאַלקע האָט אַרויסגעגאַנוועט באַ זײַן מאַיעסטעט פון אונטער דעם קישן דעם אַפיקוימען — און אַך! וואָס מיר האָבן זיך דעמלט אָנגעלאַכט! אַמאָל, נאָכן סיידער, געדענק איך, אַז דער מיילעך האָט שוין אַראָפּגעצויגן דעם ווײַסן קיטל, און די מאַלקע — איר קיניגלעכע זײַדענע מאַלבעש, זײַנען מיר געזעסן, איך און בוזי, אינצווייען, אין אַ ווינקעלע, גע־שפּילט אין ניסלעך, וואָס די מאַמע האָט אונדז געגעבן, אָדער איך האָב איר דערציילט אַ מײַסע, פון יענע באָבע־מײַסעס פון כיידער, פון מײַן כאַווער שײַקע, וואָס ווייסט אַלצדינג. אַ מײַסע מיט אַ פּאַרקישעפטער באַס־מאַלקע, וואָס איז גע־זעסן אין אַ פּאַלאַץ פון קרישטאָל זיבן יאָר קעסיידער און געוואַרט, ביז עמעצער וועט דורכן שעם־האַמפּוירעש זיך אופהייבן אַריבער דער כמאַרע, פליִען איבער בערג און אי־בער טאָלן, איבער טײַכן און מידבאָריעס, און וועט זי אויס־לייזן, און וועט זי באַפרײַען.

14

דאָס איז אָבער אַלץ געווען אַמאָל — אַמאָל, מיט יאָרן צוריק. איצט איז שוין די באַס־מאַלקע אויסגעוואַקסן, גע־וואָרן אַ גרויסע. און דער בען־מעלעך איז אויסגעוואַקסן, געוואָרן אַ גרויסער. און באַזעצט האָט מען אים אַזוי אומבע־ראַכמאָנעסדיק, אַז מיר קאָנען זיך אַפילע ניט זען איינס דאָס אַנדערע, ווי עס געהער צו זײַן. שטעלט אײַך פאָר: אין דער רעכטער האַנט פון זײַן מאַיעסטעט דער בען־מעלעך, אין

דער לינקער האַנט פון איר מאַיעסטעט די באָס-מאַלקע!.. און מיר זאָגן די האַגאָדע, איך מיטן טאַטן, הויך אַף אַ קאָל, ווי אַמאָל, מיט יאָרן צוריק, און מיט אַ ניגן, אַ בלעטל נאָך אַ בלעטל. און די מאַמע מיט בוזין זאָגן אונדז נאָך שטילערהייט, אַ בלעטל נאָך אַ בלעטל — ביז מיר קומען צו שיר-האַשירים. זאָג איך מיטן טאַטן דעם שיר-האַשירים, ווי אַמאָל, מיט יאָרן צוריק, מיט גאָר אַ באַזונדער ניגן. אַ פּאַסעק נאָך אַ פּאַסעק. און די מאַמע מיט בוזין זאָגן אונדז נאָך שטילערהייט אַ פּאַסעק נאָך אַ פּאַסעק. ביז דער מיילעך, אויסגעמידט פון דער יעציאַס-מיצראַיִם-געשיכטע און שיקערלעך פון דעם אַרבע-קויסעס-ווײַן, הייבט אָן ביסלעכווײַז אונטערצודרימלען, דרימלט אַ ווײַלע און כאַפּט זיך אויף און זינגט ווײַטער דעם שיר-האַשירים, הייבט אָן אַף אַ קאָל: „מ ײ ם ר ב י ם — פיל וואַסערן קאָנען נישט אויסלעשן די ליבע“... און איך כאַפּ אים אונטער מיטן זעלבן ניגן: „ו נ ה ר ו ת ל א י ש ט פ ו ה [1] — און טײַכן וועלן זי ניט פאַרפלייצן“... דאָס זאָגן גייט בײַ אונדז אַלעמאָל שטילער און שטילער, ביז זײַן מאַיעסטעט ווערט צום סאָף אײַנגעשלאָפן שוין טאַקע אַף דעם רעכטן עמעס. רירט אים אָן די מאַלקע באַם אַרבל פון עם ווײַסן קיטל. מיט אַ ליבער זיסער איידלקײַט וועקט זי אים, ער זאָל גיין שלאָפן,— און איך מיט בוזין קאָנען זיך דערווײַל איבערוואַרפן מיט אַ פּאָר ווערטער. שטיי איך אויף פון טיש און גיי צו איר נאָענט, און מיר שטייען איינס אַקעגן דאָס אַנדערע — דאָס ערשטע מאָל אַזוי נאָענט אין דער דאָזיקער נאַכט. איך ווײַז איר אָן אַף דער שיינער זעלטענער נאַכט. „אין דער דאָזיקער

---

[1] מאַיִם ראַבים. אונעהאָרויִם לוי יִשטעפוהאָ.

נאכט, זאָג איך איר, איז גוט שפּאַצירן גיין"... זי האָט מיך פאַר־שטאַנען און ענטפערט מיר מיט א האַלבן שמייכל, פרעגנ־דיק: „אין דער דאָזיקער נאַכט?"... און עס מאָלט זיך מיר אויס, אַז זי לאַכט פון מיר. אַזוי פלעגט זי לאַכן פון מיר אַמאָל, מיט יאָרן צוריק. פאַרדריסט דאָס מיך. זאָג איך צו איר: „בוזי, מיר האָבן וואָס צו ריידן, א סאַך וואָס צו ריידן". „א סאַך וואָס צו ריידן?" — כאַזערט זי איבער מײַ־נע ווערטער, און עס דאַכט זיך מיר, אַז זי לאַכט פון מיר... פאַרכאַפּ איך מיך: „און עפשער האָב איך א טאָעס? עפשער האָב איך מיט דיר אַצינד גאָרניט וואָס צו ריידן?"...

דאָס איז געזאָגט געוואָרן מיט אַזא ביטערקייט, אַז בוזי הערט אויף צו שמייכלען און ערנסט ווערט איר פּאָנעם. „מאָרגן, — מאַכט זי צו מיר, — מאָרגן וועלן מיר שוין ריידן"... און ליכטיק ווערט מיר אין מײַנע אויגן. ליכטיק און גוט און פריילעך. מאָרגן! מאָרגן וועלן מיר שוין ריידן! מאָרגן! מאָרגן!.. איך גיי צו צו איר נאָך נעענטער, און איך דערפיל דעם רייעך פון אירע האָר, דעם רייעך פון אירע קליידער, דעם אַמאָליקן באַקאַנטן רייעך. און עס קומען מיר אויפן זינען די ווערטער פון שיר־האַשירים: „נ פ ת ת ט פ נ ה ש פ ת ו ת י ך, כ ל ה [1]— צוקער טוען טריפן דײַנע ליפּן, קאַלע! האָניק און מילך אונטער דײַן צונג. א ו ן ד ע ר ר י י ע ך פ ו ן ד ײַ נ ע ק ל יי ד ע ר א י ז ו ו י ד ע ר ר יי ע ך פ ו ן ד ע ם ל ע ו ו אָ נ ע נ"...

דאָס ווײַטעריקע ריידן מיר שוין אַזוי, אָן ווערטער. מער מיט די אויגן. מיט די אויגן...

---

[1] נוֹפֶת תִּטֹּפְנָה שִׂפְתוֹתַיִךְ, כַּלָּה.

15

— בוזי, א גוטע נאכט. — זאָג איך צו איר שטיל. עס איז מיר שווער אוועקצוגיין פון איר. איין גאָט ווייסט דעם עמעס.

— א גוטע נאכט. — ענטפערט מיר בוזי, רירט ניט פון אָרט און קוקט אף מיר טיף־פארזאָרגט מיט אירע שיינע בלויע שיר־האשירים־אויגן.

איך זאָג איר נאָכאמאָל א גוטע נאכט. און זי ענטפערט מיר נאָכאמאָל א גוטע נאכט. קומט צו גיין די מאמע און פירט מיך אריין אין א באזונדער שלאָף־ציימער. דאָרט נעמט מיין מאמע און גלעט מיר אוים מיט אירע שיינע ווייסע הענט דאָס ווייסע איבערדעק פון מיין שלאָף־בעט, און אירע ליפן שעפטשען: „שלאָף געזונט, מיין קינד, שלאָף געזונט”...

אין די דאָזיקע עטלעכע ווערטער האָט זיך אויסגעגאָסן דער גאנצער יאמ פון ליבשאפט, וואָס האָט זיך צונויפגע־זאמלט בא מיין מאמען אין דער צייט, וואָס איך בין אין דער היים ניט געווען. איך בין גרייט צופאלן צו איר, אויס־קושן איר די שיינע ווייסע הענט. נאָר איך בין דאָס ניט ווערט. ניין, איך בין דאָס ניט ווערט. איך ווייס דאָס... שטיל זאָג איך איר א גוטע נאכט, און איך בלייב איבער אליין, איינער אליין אין דער דאָזיקער נאכט.

16

...איינער אליין אין דער דאָזיקער נאכט. אין דער דאָ־זיקער שטילער ווייכער ווארעמער פריער פרילינג־נאכט

איך עפן אוף דאָס פענצטער און קוק ארויס אין דרויסן ארויס, צום טונקל־בלויען נאכט־הימל, צו די שטערנ־דירן־

דיקע בריליאנטנ-שטערנ. אונ איכ פרעג בא זיכ אליינ: ניט שוינ זשע? ניט שוינ זשע?

ניט שוינ זשע האָב איכ פארשפילט מײַנ גליק, פאר-שפּילט אפ אייביק?

ניט שוינ זשע האָב איכ אליינ מיט מײַנע אייגענע הענט גענומענ אונ פארברענט מײַנ ווּנדערלעכנ פּאלאצ אונ ארויסגעלאָזט די שיינע געטלעכע באס-מאלקע, וואָס איכ האָב אמאָל פארקישעפט?.. ניט שוינ זשע? ניט שוינ זשע? אונ עפּשער נײַנ? עפּשער בינ איכ געקומענ באצײַטנס? באתי לגני, אחותי כלה[1] — איכ בינ געקומענ אינ מײַנ גאָרטנ, מײַנ שוועסטער די קאלע...

אונ איכ זיצ נאָכ לאנג באמ אָפענעמ פענצטער אינ דער דאָזיקער נאכט. אונ איכ סוידע מיכ מיט דער דאָזיקער שטילער ווייכער ווארעמער פרי:ער פרילינג-נאכט, וואָס איז פול, מאָדנע פול, מיט סוידעס אונ רעטענישנ...

אונ אינ דער דאָזיקער נאכט בינ איכ געוואָר געוואָרנ א נײַעס:

אז איכ האָב ליב בוזינ.

אז איכ האָב זי ליב מיט יענער הייליקער פלאמ-פײַערי-קער גענעמ-ליבע, וואָס ווערט אזוי שיינ באשריבנ אינ אונדזער שיר-השירימ. גרויסע פײַעריקע אויסיעס שנײַדנ זיכ אויס, איכ ווייס ניט פונוואנענ, אונ שוועבנ מיר פאר די אויגנ. די אויס:יעס זײַנענ פונעמ נאָרוואָס אָפּגעזאָגטנ שיר-השירימ, אנ אָס נאָכ אנ אָס: „כי עזה כמות אהבה — ביטער ווי דער טויט איז די ליבע. קשה כשאול קנאה — שווער ווי דער גענעמ

---

[1] באָסי לעגאַני, אכויסי כאַלאָ

איז די קינע. רשפיה רשפי־אש — אירע פונקען
זײַנען פונקען פײַער. שלהבתיה[1] — א פלא־
קער פון גאָט"...

און איך זיץ אין דער דאָזיקער נאכט באם אָפענעם פענצטער, און איך פרעג בא דער דאָזיקער נאכט פון סוידעם און רעטענישן, זי זאָל מיר אנטפּלעקן דעם סאָד: ניט שוין זשע? ניט שוין זשע?..

נאָר זי שווײַגט, די דאָזיקע נאכט פון סוידעם און רע־טענישן. דער סאָד בלײַבט א סאָד פאר מיר — ביז מאָרגן.

מאָרגן, אזוי האָט דאָך מיר בוזי צוגעזאָגט, וועלן מיר ריידן. אך! מאָרגן וועלן מיר שוין ריידן... לאָז נאָר אוועק־גיין די נאכט. לאָז נאָר פארשווינדן די דאָזיקע נאכט.

די דאָזיקע נאכט. די דאָזיקע נאכט...

---

[1] קי אזאָ באמאָוועס אהאווא, קאָשאָ כישעױל קינאַ, רעשאָפעהאָ רישפּיי איייש, שאלהעוועסיאַ.

פערטער טייל

שאַבעס נאָך שווּעס

1

ויהי ערב — און ס'איז געווען אַן אָוונט, ויהי בוקר [1] — און ס'איז געווען אַ פֿרימאָרגן.

אַ שיינער, אַ זעלטענער פֿרימאָרגן, ווי עס גיט זיך אויס אַמאָל טכילעס זומער, אין דער צײַט, וואָס צווישן פּייסעך און שווּעס.

פֿון די ערשטע בין איך געווען אינעם דאָזיקן פֿרימאָרגן, וואָס האָבן זיך געפּעדערט אופֿצושטיין. דער טאָג האָט ערשט געהאַלטן בײַ געבוירן צו ווערן. מײַן קליין שלעפּעריק שטעטל האָט ערשט אָנגעהויבן אופֿצוּוואַכן פֿונעם זיסן שלאָף. די לויטערע וואַרעם־גלעטנדיקע זון האָט זיך מייכן געווען אַרויסשפּאַצירן פֿון איר געצעלט און לאָזן זיך לויפֿן איר גרויסן הימל־וועג אינעם דאָזיקן פּריצישטיקן זומער־טאָג, וואָס צווישן פּייסעך און שווּעס. אַ גרינג, קיל נאַכט־ווינטל האָט זיך נאָך געטראָגן איבער דער וועלט. קוים־קוים, ווי מיט מאַלאָכים־פֿליגל, באַרירט די שטיל־אופֿוואַכנדיקע ערד.

---

[1] ווטהי ערעווי ווטהי בוקערי

אופגעכאפט זיך פון שלאָף, איז מײַן ערשטער געדאַנק געווען:
בוזי.
ווידעראַמאָל בוזי?
יאָ, ווידעראַמאָל בוזי. ווידעראַמאָל און אָבעראַמאָל בוזי. עס איז מיר אַזוי געלעגן צו ריידן פון בוזין, אַז עס וועט מיר ניט נימעס ווערן צו דערציילן אײַך פון איר נאָכאַמאָל און אָבעראַמאָל. נאָכאַמאָל און אָבעראַמאָל איבערגעבן אײַך איר ביאָגראַפיע אינקורצן. דער, וואָס האָט שוין געהערט, וועט מיר מיסטאָמע מוחל זײַן. פאַר דעם, וואָס האָט נאָך ניט געהערט, איז דאָס נייטיק צו הערן: ער דאַרף וויסן, ווער בוזי איז.

2

איך האָב געהאַט אַ ברודער בעני, איז ער דערטרונקען געוואָרן אין טײַך. איז געבליבן פון אים אַ יעסוימע מיטן נאָמען בוזי. פאַרצוויגן פון עסטער־ליבע: ליבוזי — בוזי. און שיין איז זי געווען, אַזוי ווי די שולאַמיס, וואָס אין שיר־האַ־שירים. און מיר זײַנען געוואַקסן, ווי אַ ברודער מיט אַ שוועסטער. און מיר האָבן זיך ליב געהאַט, ווי אַ ברודער מיט אַ שוועסטער. אָט דאָס איז די בוזי.
עס זײַנען איבערגעלאָפן יאָרן. איך בין אוועק פון דער היים קעגן ווילן פון מײַן טאַטע־מאַמע. איך האָב ווידער־שפּעניקט זייער געבאָט, ניט געוואָלט גיין אין זייערע וועגן, אוועקגעגאַנגען מײַן אייגענעם וועג, זיך אוועקגעלאָזט לער־נען. קומט מיר אָן איינמאָל פאַר פּייסעך אַ בריוול פון מײַן טאַטן מיט אַ מאַזלטאָוו: בוזי איז אַ קאַלע געוואָרן, שאַבעס נאָך שוועס איז די כאַסענע, זאָל איך קומען צו פאָרן אױף

פּייסעך אהיים. האָב איך אָפּגעענטפערט מיט א מאָזלטאָוו! און בין געקומען צו פליִען אפ פּייסעך אהיים.

און האָב געטראָפן בוזין אויסגעוואקסן און שיין, נאָך שענער ווי געווען. און עס האָט אופגעוואכט אין מײַנע זי־קאָרן די אמאָליקע בוזי, די שולאַמים פון שיר־האשירים. און א שטורעם האָט זיך אופגעהויבן בא מיר אין קאָפּ, און א פײַער האָט זיך אָנגעצונדן אין מײַן הארצן. א פײַער — ניט אפ קיינעם, נאָר אפ זיך אליין. אפ זיך און אפ מײַנע יִינגלשע גאָלדענע נארישע כאָלוימעס, וואָס צוליב זיי האָב איך פארלאָזן טאטע־מאמע, ווידערשפּעניקט זייער געבאָט און אוועקגעלאָזט זיך לערנען, און אָט אזוי האָב איך פאר־שפּילט, פארשפּילט מײַן גליק, דערלאָזט, אז בוזי זאָל ווערן א קאלע, עמעצנס — ניט מײַנע!..

בוזי איז פון קינדווײַז אָן געווען מיר ליב און טײַער — דאָס איז עמעס. נאָר אז איך בין געקומען צו פאָרן אהיים און דערזען בוזין, האָב איך ארויסגעזען:

אז איך האָב ליב בוזין.

אז איך האָב זי ליב מיט יענער הייליקער פײַעריקער געגעם־ליבע, וואָס ווערט אזוי שיין באשריבן אין אונדזער שיר־האשירים: „שטארק ווי דער טויט איז די ליבע, שווער ווי דער גענעם איז די קינע. אירע פונקען זײַנען פונקען פײַער. א פלאקער פון גאָט".

3

איך האָב געהאט א טאָעס: איך בין ניט געווען דער ער־שטער יענעם פרימאָרגן. מײַן מאמע האָט זיך געפעדערט נאָך פריִער פון מיר. זי איז שוין אָנגעטאָן. זי איז שוין בא־שעפטיקט מיט דער טיי, מיטן אָנבײַסן.

— דער טאטע שלאָפט נאָך. דאָס קינד שלאָפט נאָך (אזוי הייסט בא איר בוזי). וואָס וועסטו טרינקען, שימעק?

מיר איז אלציינס. וואָס זי וועט מיר געבן, וועל איך טרינ־קען. מײַן מאמע גיסט מיר אָן טיי און דערלאנגט מיר מיט אירע שיינע ווײַסע הענט. קיינער פארמאָגט ניט אזעלכע שיינע ווײַסע הענט, ווי מײַן מאמע. זי זעצט זיך אוועק קעגן מיר און רעדט מיט מיר שטיל, דער טאטע זאָל ניט הערן. טאקע פונעם טאטן רעדט זי מיט מיר. ער ווערט עלטער, ניט יינגער. ווערט עלטער און שוואכער און הוסט. הוסט, צום מיינסטן, אינדערפרי, אז ער שטייט אוף. און אמאָל באנאכט מאכט זיך, זאָל ער זיך אופכאפּן און אוועקהוסטן א גאנצע נאכט. און אמאָל באטאָג אויך... רעדט זי אים אײַן, ער זאָל זיך דורכגיין צום דאָקטער — וויל ער ניט. אן אקשן. זײַנע אקשאָנעס איז דען איבערצוטראָגן? זי בא־קלאָגט זיך ניט, כאָלילע, אף אים. נאָר גאָרניט. ס'איז געקו־מען צו רייד, רעדט זיך...

אזוי גיט מיר איבער די מאמע שטילערהייט א ראפּאָרט פונעם טאטן. און אויך וועגן בוזין דערציילט מיר די מאמע שטילערהייט, און אירע אויגן לײַכטן. און זי גיסט מיר אָן נאָך א גלאָז און פרעגט מיך, וואָס איך זאָג אף בוזין? איאָ, אויסגעוואקסן, קיין אײַנהאָרע, ווי א בוים? קיין בייז אויג זאָל איר נאָר ניט שוילעט זײַן! שאבעס נאָך שוועס איז די כאסענע. אימירצעשעם, שאבעס נאָך שוועס. א גליקלעכער שידעך, א געראָטענער כאָסן. א שיינער אָרט, א באלעבאַ־טיש, נעגידיש הויז, א שמאלצ־גרוב...

— פונדעסטוועגן, — אזוי דערציילט מיר די מאמע ווײַטער, — פונדעסטוועגן, וויפל האָט מען מיט איר געהאָ־רעוועט, טאקע מיט בוזין, איידער מע האָט בא איר גע־

פּויעלט, זי זאָל זיך לאָזן אָנקוקן. איצט איז זי, דאַנקען גאָט, צופרידן. נאָך וויאַזוי צופרידן! די בריוולעך, וואָס מע שרײַבט זיך! א טאָג איבער א טאָג (דער מאַמעס פּאָנעם שײַנט. דער מאַמעס אויגן לײַכטן). אשטייגער, לאָז ניט זײַן אזוי גיך קיין בריוו — טוט זיך כווישעך!.. דאָס איז איצט. אָבער פריִער? שיר ניט ארוים, סאָנע־ציִען, די נעשאָמע, ביז מע האָט דערלעבט פון איר דאָס וואָרט „יאָ“ צו הערן... בווי — אויך א גוטע אקשנטע. פון אזא מישפּאָכע: זיי, אז זיי שפּארן זיך אײַן!.. זי רעדט ניט, כאָלילע, קיין שלעכטס אף קיינעם. נאָר גאָרניט. ס'איז געקומען צו רייד, רעדט זיך...

פונעם טאַטנס אלקער לאָזט זיך הערן א הוסטן — און נישטאָ מײַן מאַמע, פארשוווּנדן.

4

מ י ז א ת ה נ ש ק פ ה כ מ ו ש ח ר — ווער קוקט דאָס ווי דער מאָרגנשטערן? י פ ה כ ל ב נ ה — שיין ווי די לעוואָנע? ב ר ה כ ח מ ה[1] — לויטער ווי די זון?

דאָס איז ארײַנגעקומען פון איר שלאָפצימער בווי.

איך קוק מיך אײַן אין בווין — איך וואָלט געמעגט שווערן איינס פון די ביידע: אָדער זי האָט געוויינט, אָדער זי איז ניט געשלאָפן די נאכט.

מײַן מאמע איז גערעכט: ווי א בוים איז זי אויסגעוואקסן. ווי א רויז האָט זי אופגעבליט. אירע אויגן, אירע

---

[1] מי זויט האַנישקאָפאָ קעמוי שאַכאַר, יאָפאָ כאַלוואָנאָ, באָראָ קאַכאַמאָ.

שיינע בלויע שיר-השירים-אויגנ, זײַנענ אינ דעמ פרימאָרגנ
נאָכ איבערגעצויגנ מיט א דינ רויכל. אונ דאָס גאנצע פאָ-
נעמ אירס איז אינ דעמ פרימאָרגנ איבערגעדעקט מיט א די-
נעמ פאָרויכעס. אונ בוזי אינגאנצנ איז א סאָד פאר מיר. א
שמערצלעכער סאָד. א סאכ זאכנ וואָלט איכ וועלנ וויסנ.
פארוואָס איז בוזי ניט געשלאָפנ די דאָזיקע נאכט? איכ
וואָלט וועלנ וויסנ, וועמענ האָט זי געזענ אינ כאָלעמ: מיכ,
דעמ ליבנ גאסט, וואָס זי האָט אפ אימ אזוי לאנג ארויסגע-
קוקט אונ וואָס איז געקומענ צו פליִענ אזוי אומגעריכט?
אָדער אנ אנדערנ האָט זי געזענ אינ כאָלעמ? אנ אנדערנ,
דעמ, וואָס טאטע-מאמע האָבנ איר אָנגעהאנגענ קעגנ איר
ווילנ?.. בוזי איז א סאָד פאר מיר. א שמערצלעכער סאָד.
גן נעול אחותי כלה[1] — א גאָרטנ א פארשלאָ-
סענער איז מײַנ שוועסטער די קאלע. א גאָרטנ א פארשלאָ-
סענער, א קוואל א פארזיגלטער...

5

בוזי איז א סאָד פאר מיר. א שמערצלעכער סאָד. עט-
לעכע מאָל אינ טאָג בײַט זיכ בא איר די שטימונג. ווי דער
אינדרויסנ אינ א זומערדיקנ וואָלקנ-טאָג: אָט איז ווארעמ,
אָט איז קיל. אָט טוט א שײַנ ארויס די זונ פונ די וואָלקנס
ארויס — אונ עס ווערט שיינ. ביז עס רוקט זיכ אָנ א נײַער
וואָלקנ — אונ עס ווערט ווידער טריב אונ טונקל.
נישטאָ דער טאָג, וואָס בוזי זאָל ניט באקומענ א בריוו
פונ „עמעצנ“. נישטאָ דער טאָג, זי זאָל ניט ענטפערנ דעמ
„עמעצנ“.

[1] גאנ נאָול אכויסי באלאַי

איך ווייס גאַנץ גוט, ווער דער „עמעצער" איז, און איך פרעג זי נישט. איך רעד נישט מער מיט בוזין פון „אים". איך האַלט, אַז „ער" איז דאָ אַן איבעריקער, אַן אָנגעוואָר־פענער. בוזי רעדט אָבער אַליין פון אים. רעדט זי ניט פון אים שוין צופיל? אין די געציילטע מינוטן, ווען מיר בלײַבן מיט איר אַליין אינצווייען, רעדט מיט מיר בוזי פון „אים" און לויבט אים. לויבט אים אין טאָג אַרײַן. לויבט זי אים נישט צופיל?

זי זאָגט צו מיר:

— דו ווילסט וויסן, וואָס ער איז? (זי לאָזט אַראָפּ די אויגן). ער איז אַ פײַנער — אָ! זייער אַ פײַנער. ער איז אַ ווױלער — אָ! זייער אַ ווױלער. נאָר... (זי הייבט אויף די אויגן אויף מיר און לאַכט). ער קומט ניט צו דיר... ווי קומט ער צו דיר?..

וואָס מיינט דערמיט בוזי? זי וויל מיך פאַרגיטיקן? אָדער זי טרײַבט מיט מיר קאַטאָוועס?

ניין. ניט זי וויל מיך פאַרגיטיקן, ניט זי טרײַבט מיט מיר קאַטאָוועס. נאָר זי רעדט זיך אויס דאָס האַרץ...

דאָס איז ווי צוויי מאָל צוויי.

נאָך דער טיי זײַנען די מאַמע און בוזי אוועק אין קיך וועגן אָנבײַסן, און איך מיטן טאַטן האָבן זיך געשטעלט דאַווענען. איך האָב עס געמאַכט בעקיצער. נאָר דער טאַטע, אײַנגעוויקלט אין טאַלעס און טפֿילין, איז נאָך געשטאַנען מיטן פּאָנעם צו דער וואַנט און געלויבט גאָט. קומט אָן פּלוצעם בוזי אויסגעקליידט, מיט אַ זאָנטיקל אין האַנט, און רופֿט זיך אָן צו מיר:

— קום.

— וווּהין?

— הינטער דער שטאָט אַרויס. אַ ביסל זיך דורכגיין. אַ שיינער טאָג. אַ זעלטענער טאָג.

דער טאַטע האָט אויסגעדרייט צו איר דעם קאָפּ, קוקט אַריבער די זילבערנע ברילן. און בוזי זיצט אָן די הענטשקעלעך אויף די הענט און מאַכט צו אים:

— ניט אויף לאַנג, טאַטע, ניט אויף לאַנג. מיר קומען באַלד צוריק. די מאַמע ווייסט, אַז מיר גייען. קום, שימעק, דו גייסט?

די בעסטע מוזיק, די שענסטע סימפאָניע קאָן דען אַזוי שיין קלינגען, ווי די ווערטער האָבן אָפּגעקלונגען אין מיינע אויערן? עס האָט זיך געלאָזט הערן אין זיי אַן אָפּקלאַנג פון שיר-השירים: „ל כ ה, ד ו ד י — קום, ליבער, נ צ א ה ש ד ה[1] — לאָמיר גיין אין פעלד אַרויס. לאָמיר נעכטיקן אין די דערפער. לאָמיר זיך פעדערן אין די ווייַנגערטנער. לאָמיר זען, אויב עס בליט דער ווייַנשטאָק? אויב עס שפּראָצן די מילגראָמען?"...

אויסער זיך פון היספּייַלעס לאָז איך מיך נאָך בוזין און פיל נישט די ערד אונטער זיך. וואָס איז דאָס מיט בוזין? דאָס ערשטע מאָל, זינט איך בין אין דער היים, טרעפט, אַז בוזי זאָל מיך רופן שפּאַצירן גיין. וואָס איז דאָס מיט בוזין?..

6

בוזי איז גערעכט. ס'איז אַ שיינער טאָג. אַ זעלטענער טאָג.

אָפּשאַצן אַזאַ זומער-טאָג קאָן מען נאָר אין מייַן קליין אָרעם שטעטל, אַז מע כאַפּט זיך אַרויס פון דער קלעם און פון דער ענגשאַפט אויף גאָטס פרייַער שיינער וועלט. די ערד

[1] לעכאָ, דוידי, נייצעי האַסאָדע.

האָט זיכ באַקליידט מיט איר גרינעמ מאַנטל, אויסגעקליידט מיטנ גאַנצנ שמוק פונ אירע פילפאַרביקע פעלד־בלומענ. אַרומגעברעמט מיט אַ זילבערנ טײַכל פונ איינ זײַט אונ מיט אַ קלייניוווּקסיק, נאָר געדיכט וועלדל פונ דער אַנדערער זײַט. דאָס זילבערנע טײַכל זעט אויס, ווי אַ זילבערנע אַטלאָסענע צו אַ נײַעמ טאַלעס מיט בלויע טכיילעס. דאָס געדיכטע וועלדל זעט אויס, ווי אַ געדיכטע פּאַטלע געקרײַזלטע האָר, פונ צײַט צו צײַט באַרירט פונ אַ ווינטל.

אַפ בוזינ איז געוועזנ אַ בלוי בעזשנ קלייד, גרינג ווי אַ רויכ, דורכזיכטיק ווי די לופט, ווי דער הימל. אַ זאַנטיקל מיט שפּיצלעכ פונ גרינער פאַרב אונ ווײַסע אַזשור־הענטשקעלעכ אַפ די הענט. פילפאַרביק האָט זי אויסגעזענ, פילפאַרביק, ווי דאָס פעלד.

„דאָס לעצטע מאָל, — זאָגט מיר בוזי, — האָט זי זיכ אויסגעבעטנ בא דער מאַמע. דאָס לעצטע מאָל וויל זי זיכ געזעגענענ מיט דער שטאָט, מיט הינטער דער שטאָט, מיטנ „הייליקנ אָרט“; מיט די מילנ, מיטנ טײַכל, מיטנ בריקל. צוליב דעמ לעצטנ מאָל האָט איר די מאַמע צוליב געטאָנ. אַ קאַלע דאַרפ מענ צוליב טאָנ, כאַ־כאַ... אַ קאַלע פירט אויכ אַלצדינג... וואָס זאָגסטו, שימעק?“

שימעק זאָגט גאָרנישט. שימעק האָרכט. עס ווײַזט זיכ מיר אויס, אַז בוזי איז הײַנט מאָדנע פריילעכ. ניט נאַטירלעכ פריילעכ. אונ לאַכט, ווי איבער נויט. אונ עפּשער דאַכט זיכ מיר אַזוי?

— געדענקסטו, בוזי, ווענ מיר זײַנענ דאָ געוועזנ?

איכ דערמאָנ איר, ווענ מיר זײַנענ דאָ געוועזנ. שוינ לאַנגלאַנג. מיט יאָרנ צוריק איז דאָס געוועזנ. מיר זײַנענ געגאַנגענ אַהער אײַנצווייענ רײַסנ גרינס אַפ שוועס, אויב זי גע־

דענקט. דעמלט זײַנען מיר אויך געגאַנגען מיטן זעלבן וועג, פאַרבײַ די זעלביקע מילן, איבער דעם זעלביקן טײַכל, איבער דעם זעלביקן בריקל.

— נאָר אַנדערש האָבן מיר דעמלט שפּאַצירט, בוזי. דעמלט זײַנען מיר געלאָפן, ווי די יונגע הירשן, געשפּרונגען, ווי די פעלד־אינדן איבער די בסאַמים־בערג. און איצט?

— און איצט? — זאָגט בוזי און בייגט זיך אָן רײַסן בלומען.

— איצט גייען מיר סטאַטעטשנע, ווי עס פּאַסט פאַר אַזעלכע סטאַטעטשנע לײַט, ווי מיר זײַנען... געדענקסטו, בוזי, ווען מיר זײַנען דאָ געוועזן דאָס לעצטע מאָל?

— ערעוו שוועס איז דאָס געווען. — ענטפערט מיר בוזי און שענקט מיר אַ בוקעט מיט שמעקנדיקע בלומען, וואָס זי האָט אָנגעריסן.

— פון מײַנעטוועגן, בוזי?

— פון דײַנעטוועגן, שימעק. — זאָגט צו מיר בוזי מיט אַ קוק פון אירע שיינע בלויע שיר־השירים־אויגן. און דער קוק דרינגט אַרײַן גלײַך מיר אין האַרצן אַרײַן.

7

מיר זײַנען שוין ווײַט הינטער דער שטאָט. מיר זײַנען שוין אָפן בריקל. דאָרט גיב איך איר מײַן האַנט (דאָס ערשטע מאָל זינט איך בין געקומען צו פאָרן אַהיים).

מיר גייען ביידע, האַנט־בײַ־האַנט, איבערן בריקל. די ברעטער הוידען זיך. דאָס וואַסער לויפט אונטער אונדזערע פיס, קאַטשעט זיך, שלענגלט זיך און פאַלט מיט אַ שטילן זשומען און מיט אַ גרינגן ראַש באַרג־אַראָפּ, אַזוי אַז איך קאָן הערן דעם „טיק־טאַק“ פון בוזיס האַרצ, וואָס איז אַזוי

נאָענט, אזוי נאָענט צו מיר (דאָס ערשטע מאָל זינט איך בין געקומען צו פאָרן אהיים).

עס מאָלט זיך מיר אויס, אז בוזי דערנעענט זיך צו מיר אלעמאָל נעענטער און נעענטער. איך דערשפיר דעם באקאנטן רייעך פון אירע שיינע האָר, איך דערפיל די איידלקייט און גלאטקייט פון איר פּרעכטיקער האנט, די ווארעמקייט פון איר לייב. און עס דוכט זיך מיר, אז איך הער פון איר ווערטער מיטן לאָשן פון שיר־השירים: „א נ י ל ד ו ד י — איך בין מיין געליבטנס, ו ד ו ד י ל י [1] — און דער געליבטער איז מיינער“... און די זון, און דער הימל, און דאָס פעלד, און דאָס טייכל און דער וואלד באקומען א נייעם גלאנץ, א נייעם כיין אין מיינע אויגן. אָ אווירע, אָ אווירע, וואָס דאָס בריקל איז אזוי קורץ. א מינוט — און מיר זיינען שוין אף יענער זייט בריקל, אף דער „לעוואדע“. א מינוט — און בוזים איידעלע גלאטע פּרעכטיקע האנט האָט זיך ארויסגעגליטשט פון מיין האנט — און די זון, און דער הימל, און דאָס פעלד, און דאָס טייכל, און דער וואלד האָבן אָנגעוואָרן דעם פריערדיקן גלאנץ מיטן פריערדיקן כיין אין מיינע אויגן.

— א מאָדנע זאך, — זאָגט צו מיר בוזי, און אירע שיינע בלויע שיר־השירים־אויגן זיינען אין דער מינוט טיף, ווי דער הימל, און פארטראכט, ווי די נאכט, — א מאָדנע זאך: אלעמאָל, ווען איך גיי אָדער איך פאָר איבער א וואסער, עס מאָג זיך זיין וואָס פאר א וואסער עס וויל זיך, מוז איך זען מיין טאטן, און אלעמאָל...

איך שלאָג איר איבער די רייד:

---

[1] אני לעדוידי, וועדוידי לי׳

— דו רעדסט נאַרישקייטן, בוזי.

בוזי טראַכט א ווײַלע, נאָכדעם זאָגט זי צו מיר:

— נאַרישקייטן? כאַ-כאַ, ביסט גערעכט. איך רייד נאַרישקייטן. ווײַל איך בין א נאַרעלע. א נאַריש מיידל בין איך. איאָ, א נאַריש מיידל? זאָג דעם עמעס, שימעק. דעם עמעס זאָלסטו מיר זאָגן, כאַ-כאַ-כאַ!

בוזי לאַכט, פאַרוואַרפט דעם קאָפּ און באַווײַזט מיר אירע כיינעוודיקע פּערל-ציין. איר פּאָנעם שײַנט אָפּ דער שײַנענדיקער זון. און אַלע פאַרבן פונעם פעלד פינקלען זיך אָפּ אין אירע אויגן, אין אירע שיינע בלויע פאַרטראַכטע שיר-השירים-אויגן.

8

אומזיסט! איך קאָן בא איר ניט פּויעלן, אַז זי איז גאָר ניט אַזאַ נאַר, אַז זי איז גאָר קיין נאַר ניט. זי ווייסט, זאָגט זי מיר, זי ווייסט, אַז ס'איז פאַראַן נאַרישערע פון איר. זי ווייסט. נאָר אַקעגן מיר איז זי א נאַרעלע. שטעלט אײַך פאָר — זי גלייבט אין כאַלוימעס!

— איאָ, שימעק, דו גלייבסט ניט? און איך גלייב. אָט איז מיר ערשט נעכטן געקומען צו כאָלעם דער טאַטע פון יענער וועלט, אָנגעטאָן און פריילעך, לעבעדיק, מיט א שטעקעלע אין האַנט. און מאַכט צו מיר אַזוי זיס, אַזוי פרײַנטלעך, און דרייט מיטן שטעקעלע: „איך קום, טאָכטער, צו דיר אָפּ דער כאַסענע“... נו, וואָס וועסטו זאָגן דערויף, שימעק?..

— בוזי, מע דאַרף ניט גלייבן אין כאַלוימעס. כאַלוימעס זײַנען דוואָרים-בעטיילים.

— דוואָרים-בעטיילים — זאָגסטו?

בוזי שטייט א ווייַלע פארטראכט. לאָזט זיכ לויפנ איבערנ פילפארביקנ פעלד אונ בלײַבט שטיינ.

ווי א בלומ, ווי א פילפארביקע בלומ, זעט אויס בוזי אינעמ דאָזיקנ פילפארביקנ פעלד, וואָס ציט זיכ ארומ אונדז אָנ א סאָפ אונ אָנ א ברעג. מיט גרינלעכע שפרענקלעכ איז זי באשפרענקלט. מיט רויטינקע צוויקעלעכ איז זי באצוויקלט. די בלויע הימל-יארמלקע איבער איר קאָפ. דאָס זילבערנע טיַיכל פאר אירע פיס. פונ אלע זײַטנ טראָגנ זיכ אקעגנ אונדז שארפ-שמעקנדיקע בסאָמימ- אונ געווירצנ-רייכעס. איכ בינ פארקישעפט. איכ בינ פארשיקערט.

ווי א פארקישעפטע שטייט אויכ בוזי אינמיטנ פילפארביקנ פעלד אונ קוקט אפ מיר פארטראכט, פארטראכט ווי דער וואלד.

פונ וואָס טראכט אצינד בוזי? וואָס זאָגנ אירע אויגנ, אירע שיינע בלויע פארטראכטע שיר-האשירימ-אויגנ?

„אני חבצלת השרון — איכ בינ א ליליע פונ שאָרוינ. שושנת העמקים[1] — די רויז פונ די טאָלנ"...

אָט וואָס עס זאָגנ מיר אירע אויגנ. אונ עס דאכט זיכ מיר, אז קיינמאָל איז נאָכ בוזי נישט געוועג אזוי די עמועסע שולאמיס פונ שיר-האשירימ, ווי אינ דער דאָזיקער מינוט.

9

ווי א בלומ זעט אויס בוזי, די ליליע פונ שאָרוינ. ווי א בליִענדיקע רויז זעט אויס בוזי, די רויז פונ די טאָלנ, אינ דעמ דאָזיקנ ברייטנ פילפארביקנ פעלד, וואָס ציט זיכ ארומ אונדז אָנ א סאָפ אונ אָנ א ברעג. מיט גרינלעכע שפרענקע-

[1] אני באוואצעלעס האשאָרוינ, שוישאנאָס האָאמאָקימ.

לעך איז זי באַשפּרענקלט. מיט רויטינקע צוויקעלעך איז זי באַצוויקלט. די בלויע הימל־יאַרמלקע איבער איר קאָפּ. דאָס זילבערנע טײַכל פּאַר אירע פֿיס. פֿון אַלע זײַטן טראָגן זיך אַקעגן אונדז שאַרף־שמעקנדיקע בסמימ־ און געווירצנ־ רייכעס. איך בין פאַרקישעפט. איך בין פאַרשיקערט.

בוזי לאָזט זיך גיין. איך — נאָך איר. גרינג און גיך גייט בוזי. גרינג, ווי אַ סאַרנע, ווי אַן איינע פֿון די אינדן, טראָגט זי זיך אין פּילפּאַרביקן פֿעלד, וואָס ציט זיך אָן אַ סאָף און אָן אַ ברעג. און איר פּאָנעם שײַנט אָפּ דער שײַנענדיקער זון, און אַלע פֿאַרבן פֿונעם פֿעלד פֿינקלען זיך אָפּ אין אירע אויגן, אין אירע שיינע בלויע פאַרטראַכטע שיר־השירים־ אויגן.

קיינמאָל, קיינמאָל איז נאָך בוזי נישט געווען אַזוי די עמעסע שולאַמיס פֿון שיר־השירים, ווי אין דעם דאָזיקן טאָג.

— דערקענסט, בוזי, דאָס דאָזיקע פעלד?

— אַמאָל האָט דאָס געהערט צו דיר...

— און דאָס בערגל?

— דײַן בארג. אַמאָל איז דאָס געווען אַלצדינג דײַנס. אַלצדינג דײַנס...

זאָגט מיר בוזי מיט אַ גרינג שמייכל אָפּ די שיינע ליפּן. נאָר עס ווײַזט זיך מיר אויס, אַז זי לאַכט פֿון מיר, ווי זי פֿלעגט לאַכן פֿון מיר אַמאָל, מיט יאָרן צוריק.

— זיצן מיר?

— זיצן מיר.

איך זעץ מיך אוועק אָפּן בערגל און מאַך אַן אָרט פֿאַר איר. בוזי זעצט זיך אוועק אַקעגן מיר.

גרינג און גיך גייט בוזי גרינג, ווי א סארנע, ווי אן אינד פון די אינדנ...

— אָט דאָ, געדענקסטו, בוזי, האָב איך דיר אַמאָל דער־ציילט, ווי־אַזוי איך...

בוזי פאַרכאַפּט און ענדיקט פאַר מיר:

— ווי־אַזוי דו הייבסט זיך אויף מיטן „שעם־האַמפּוירעש" און פליסט, ווי אַן אָדלער, ביז דער כמאַרע, העכער פון דער כמאַרע, איבער פעלדער, איבער וועלדער, איבער בערג, אי־בער טאָלן, איבער יאַמים און מידבאָריעס, ביז דו קומסט אויף יענער זײַט האָריי־כווישעך, אין אַ קרישטאָלענעם פּאַלאַץ. דאָרט זיצט דײַן פּאַרקישעפטע באַס־מאַלקע שוין זיבן יאָר און וואַרט, ביז דו וועסט זיך דערבאַרעמען אויף איר און וועסט קומען צו פליען מיטן „שעם־האַמפּוירעש" זי אויס־לייזן, באַפרײַען — כאַ־כאַ־כאַ!

ניין. בוזי איז מיר הײַנט מאָדנע פריילעך. ניט־נאַטיר־לעך פריילעך. זי לאַכט, ווי איבער נויט. גענוג. אויף אַלץ איז אַ צײַט. שוין צײַט ריידן מיט איר אַ ביסל ערנסטע, ריינע, קלאָרע דיבורים. שוין צײַט עפענען פאַר איר מײַן האַרץ, אַנטפּלעקן פאַר איר מײַן נעשאָמע... און איך לאָז אויס מײַן געדאַנק מיטן לשון פון שיר־האַשירים: „ע ד ש י פ ו ח ה י ו ם — איידער עס וועט אַוועק דער טאָג, דער דאָזיקער גליקלעכער טאָג. ו נ ס ו ה צ ל ל י ם [1] — און עס וועלן אַנטלויפן די שאָטנס"...

10

פאַר דער גאַנצער צײַט, וואָס איך בין אין דער היים, האָב איך בוזין קיין צענטל, קיין הונדערטל ניט אַרויסגעזאָגט פון דעם, וואָס עס האָט זיך אויסגעזאָגט בײַ

[1] אַד שעיאָפוּאַך האַיוּים, װענאָסו האַצלאָלים.

מיר אָט דאָ, אינ דעמ דאָזיקנ פרימאָרגנ. איך האָב איר אופגעדעקט מײַנ הארצ, אנטפלעקט פאר איר מײַנ נעשאָמע. דערציילט דעמ גאנצנ עמעס, וואָס האָט מיך אהער געבראכט...

ווענ ניט דעמ טאטנס בריוול מיטנ מאזלטאָוו, ווענ ניט די דרײַ ווערטער: „שאבעס-נאָכ-שוועס" — וואָלט מיך איצט ניט געזענ אָט דאָס טײַכל, וואָס לויפט דאָרט בארג-אראָפ, אונ דאָס וועלדל, וואָס גרינט אָט דאָ ניט ווײַט...

אונ איך שווער איר טאקע בא אָט דעמ טײַכל, וואָס לויפט דאָרט בארג-אראָפ, אונ טאקע בא דעמ וועלדל, וואָס גרינט אָט דאָ ניט ווײַט, אונ באמ דאָזיקנ בלויענ הימל-דעק, וואָס איבער אונדזער קאָפ, אונ בא דער גינגאָלדענער זונ, וואָס פינקלט אָפ אינ אירע אויגנ, אונ בא דעמ אלעמ, וואָס שיינ אונ ריינ אונ הייליק איז, — אז איך בינ געקומענ אהער נאָר צוליב איר, נאָר צוליב איר, וואָרעמ... איך האָב זי ליב — ענדלעך האָט דאָס וואָרט זיך ארויסגעריסנ!

— וואָרעמ איך האָב דיך ליב, בוזי, דו הערסט, איך האָב דיך ליב מיט יענער הייליקער פלאמ-פײַעריקער גענעמליבע, וואָס ווערט באשריבנ אינ שיר-האשירימ: „שטארק ווי דער טויט איז די ליבע, שווער ווי דער גרוב איז די קינע. אירע פונקענ זײַנענ פונקענ פײַער. א פלאקער פונ גאָט"... וואָס איז מיט דיר, בוזי? דו וויינסט? גאָט איז מיט דיר!..

11

בוזי האָט געוויינט.

בוזי האָט געוויינט — אונ די גאנצע וועלט האָט זיך אָנגעקליידט אינ טרויער. די זונ האָט אופגעהערט צו שײַ-

נען. דאָס טײַכל — צו לויפֿן. דאָס וועלדל — צו גרינען. די פֿליגעלעך — צו פֿליִען. די פֿייגעלעך — צו זינגען.

בוזי האָט געוויינט. זי האָט באַהאַלטן דאָס פּאָנעם אין די הענט. אירע פּלייצעס האָבן אופֿגעציטערט. און זי האָט געוויינט אַלעמאָל שטאַרקער און שטאַרקער.

אַזוי וויינט אַ קליין קינד, וואָס דערפֿילט, אַז עס האָט פֿאַרלוירן טאַטע-מאַמע.

אַזוי וויינט אַ געטרײַע מוטער אָפּ איר קינד, וואָס מע האָט דאָס בײַ איר צוגענומען.

אַזוי וויינט אַ יונג-פֿרוי, וואָס באַקלאָגט איר געליבטן, וואָס האָט זיך אָפּגעקערט פֿון איר.

אַזוי וויינט אַ מענטש, וואָס באַקלאָגט זײַן אייגענע וועלט, וואָס האָט זיך אַרויסגעגליטשט פֿון אונטער זײַנע פֿיס.

אומזיסט איז געווען מײַן טרייסטן, וואָס איך האָב זי געטרייסט. אַרויסגעוואָרפֿן אַלע מײַנע שיר-האשירים-עפּי-טעטן, וואָס איך האָב אויסגענוצט פֿאַר איר. בוזי וויל זיך ניט טרייסטן. בוזי וויל מײַנע עפּיטעטן ניט הערן. צו שפּעט, זאָגט זי, צו שפּעט האָב איך מיך דערמאָנט אָן איר... צו שפּעט האָב איך מיך אַרומגעזען, אַז עס איז דאָ אַ בוזי אויף דער וועלט. אַ בוזי, וואָס האָט אַ האַרץ, וואָס בענקט, און אַ נעשאָמע, וואָס רײַסט זיך פֿונדאַנען אין אַן אַנדער וועלט אַרויס... עפּשער וואָלט איך מיך דערמאָנען, זאָגט זי, אָן די בריוולעך, וואָס זי האָט מיר אַמאָל געשריבן? נאָר — פֿאַרקאַפּט זי זיך — ווי קום איך צו געדענקען אַזעלכע נאַ-רישקײַטן? פֿאַרשטייט זי דען ניט אַליין, אַז זי האָט דאָס, אייגנטלעך, באַדאַרפֿט שוין לאַנג פֿאַרוויסן, — אַז אונ-דזערע וועגן זײַנען פֿאַרשיידן? אַז זי קאָן זיך צו מיר ניט גלײַכן? ווי קומט זי צו מיר? זי, אַ ייִדישע טאָכטער, אַ

קליינשטעטלדיק מיידל, ווי קומט זי צו מיר?.. ערשט פאר־שטייט זי, אז ס'איז געווען א נארישקייט פון איר, א גרוי־סע נארישקייט, וואס זי פלעגט מיר דולן א קאפ מיט אירע קינדערשע בריוולעך, מיט אירע נארישע אנצוהערענישן, אז טאטע־מאמע בענקען נאך מיר... ניין. זי האט אליין בא־דארפט פארשטיין, אז זי קאן זיך צו מיר ניט גלייכן. ווי קומט זי צו מיר? א יידישע טאכטער, א קליינשטעטלדיק מיידל!.. זי האט אליין באדארפט ארויסזען, אז קוים האב איך ניט געפאלגט טאטע־מאמע, ווידערשפעניקט זייער גע־באט, נישט געוואלט גיין זייערע וועגן און בין געגאנגען מיינע אייגענעם וועג, וועל איך געווים אוועקגיין וויים, וועל איך געווים שטייגן הויך, אזוי וויים און אזוי הויך, אז איך וועל קיינעם שוין ניט ארויסזען, קיינעם ניט וועלן קענען.

— קיינעם ניט, אכוץ דיך, בוזי!

— ניין, קיינעם ניט! קיינעם ניט! קיינעם ניט! קיינעם ניט זען, קיינעם ניט הערן, אלעמען פארגעסן...

— אלעמען, נאר נישט דיך, בוזי.

— ניין, אלעמען! אלעמען! אלעמען!

12

בוזי האט אופגעהערט צו וויינען — און אלץ האט אופ־געלעבט. די זון האט אנגעהויבן צו שיינען, אזוי ווי פריער. דאס טייכל — צו לויפן. דאס וועלדל — צו גרינען. די פלי־געלעך — צו פליען. די פייגעלעך — צו זינגען.

בוזי האט אופגעהערט צו וויינען, און טרוקן זיינען גע־ווארן אירע אויגן. אירע שיינע בלויע שיר־השירים־אויגן. און אויסגעטריקנט האבן אירע טרערן, אזוי ווי טראפנס טוי אף דער הייסער זון.

און פּלוצעם האָט זי זיך גענומען פאַרענטפערן אירע טרערן. אצינד זעט זי, ווי נאַריש זי איז. וואָס איז געווען דער געוויין? וואָס האָט זי צו וויינען? וואָס פעלט איר? א סאך מיידלעך אפ איר אָרט וואָלטן זיך פילן גליקלעך. איבערגליקלעך!.. און א פײַערל האָט זיך אָנגעצונדן אין אירע אויגן. אין אירע שיינע בלויע שיר־השירים־אויגן. איך האָב נאָך קיינמאָל ניט געזען דאָס דאָזיקע פײַערל אין בוזיס אויגן. און רויטע פלעקן זײַנען אַרויסגעטראָטן אפ אירע בעקלעך, אפ אירע שיינע רויזן־בעקלעך. איך האָב נאָך קיינמאָל ניט געזען בוזין אזוי פײַערן, אזוי פלאַמען, ווי זי האָט געפײַערט און געפלאַמט אין דער דאָזיקער מינוט. און איך וויל זי אָנעמען פאַר א האַנט, און איך זאָג צו איר מיטן לאָשן פון שיר־השירים:

— הנך יפה רעיתי[1] — ווי שיין דו ביסט, בוזי, ביים דײַנע בעקלעך פלאַמען און דײַנע אויגן שפּריצן פײַער...

אַרויסגעוואָרפן! בוזי הערט ניט מײַן שיר־השירים. בוזי האָט איר אייגענעם שיר־השירים. זי הערט ניט אוף צו לויבן „שמעצן", לויבן אים אין טאָג אַרײַן. זי זאָגט צו מיר:

— דודי צח ואָדום — מײַן באַשערטער איז פײַן און שיין. דגול מרבבה[2] — פײַנער פון א סאך א סאך אַנדערע. ער איז עפּשער ניט אזוי געלערנט, ווי אַנדערע, דערפאַר איז ער אָבער גוט. דערפאַר איז ער מיר געטרײַ. דערפאַר האָט ער מיך ליב. זאָלסט זען די בריוו, וואָס ער שרײַבט צו מיר, זאָלסט זען די בריוו!

---

[1] הינאָך יאָפאָ ראַאיאָסי

[2] דוידי צאַך וועאָדוים, דאָגול מייִרוואָווּאָ

— לבבתיני, — זאָג איך צו איר ווײַטער, גלײַב ווי איך וואָלט ניט הערן, וואָס זי זאָגט, — לבבתיני, אחותי כלה[1] — דו האָסט מײַן האַרץ אוועקגענומען, מײַן שוועסטער די קאַלע!..

און זי צו מיר:

— חכו ממתקים וכולו מחמדים![2] — זאָלסט זען די בריוו, וואָס ער שרײַבט מיר, זאָלסט זען די בריוו!..

עס הערט זיך אין אירע ווערטער א מאָדנער טאָן. א מאָדנע שטימע. די שטימע — אזוי ווײַזט זיך מיר אויס — וויל אריבערשרײַען אן אנדער שטימע. אן אינעווייניקסטע שטימע.

דאָס איז בא מיר ווי צוויי מאָל צוויי.

13

ראַשיק און אומגעריכט כאַפּט זיך בוזי אויף פונעם שמעקנדיקן גראָז, טרייסלט זיך אָפּ, גלײַכט זיך אויס, פאַרוואַרפט די הענט אהינטער און בלײַבט שטיין אקעגן מיר און קוקט אַף מיר פון אויבן אראָפּ.

שטאָלץ און שיין, גרויסאַרטיק שיין, נאָך שענער ווי אלעמאָל, זעט זי אויס אין דער מינוט בא מיר אין די אויגן.

איך האָב מוירע צו זאָגן, נאָר מיר דאַכט, אז ווען איך זאָל זאָגן, אז בוזי — דאָס איז די עמעסע שולאַמיס, וואָס אין שיר-השירים, וואָלט דאָס געווען א קאָוועד און א שוואַך פאַר דער עמעסער שולאַמיס, וואָס אין שיר-השירים.

---

[1] ליבאָוטיני, אכויסי כאַלאָ.
[2] כיקוי מאַמטאַקים וועכולוי מאַכמאַדים.

ניט שוין זשע האָט זיך דערמיט געענדיקט אונדזער געשפּרעך? איך שטיי אויף נאָך איר און גיי צו צו איר:

— שובי, שובי השולמית [1] — קער דיך אום צוריק צו מיר, בוזי! — זאָג איך צו איר ווײַטער מיט מײַנ שיר־השירים־שפּראַך און נעם זי אָן פֿאַר אַ האַנט. — קער זיך אום צו מיר, בוזי, קער זיך אום צו מיר באַצײַטנס! נאָך איין וואָרט. מער ניט, אַז איין וואָרט דאַרף איך דיר נאָך זאָגן.

אומזיסט. אומזיסט. בוזי וויל ניט הערן דאָס איינע וואָרט, וואָס איך וויל איר זאָגן. גענוג, זאָגט זי, זיך אָנגערעדט. גענוג געזאָגט איינס דעם אַנדערן — עפּשער נאָך מער, ווי מע באַדאַרף... גענוג־גענוג. שוין שפּעט. זע, ווי שפּעט עס איז! — זאָגט צו מיר בוזי און באַווײַזט מיר מיט איר האַנט אויפֿן הימל, און באַווײַזט מיר אויף דער זון, וואָס באַגיסט זי פֿון אויבן ביז אַראָפּ מיט אירע מילדע ווײַכע גאָלדענע שטראַלן. און בוזי, די ליליע פֿון שאָרון, בוזי, די רויז פֿון די טאָלן, באַקומט אַ נײַעם קאָליר, אַ גינגאָלדענעם קאָליר, אויפֿן פֿילפֿאַרביקן פֿעלד, וואָס ציט זיך אַרום אונדז אָן אַ סאָף און אָן אַ ברעג.

— אַהיים־אַהיים! — זאָגט צו מיר בוזי און כאַפּט זיך גיין און טרײַבט מיך גיין. — אַהיים־אַהיים, שוין צײַט, שימעק, שוין צײַט. טאַטע־מאַמע וועלן דאָרטן איבערטראַכטן גאָט ווייסט וואָס. אַהיים־אַהיים!

אין אירע לעצטע ווערטער „אַהיים־אַהיים" לאָזט זיך מיר הערן דער טאָן פֿון אַמאָל, אַמאָל, מיט יאָרן צוריק, דער לאָשן פֿון שיר־השירים:

---

[1] שובי, שובי השולמית.

— ב ר ח, ד ו ד י,[1] — אנטלויפ, ליבער, אונ זײַ געגליכנ צו א הירש אָדער צו אנ אינד פונ די אינדרנ אפ די בסאָמימ-בערג.

14

עס גייענ די טעג. עס לויפנ די וואָכנ. עס איז אָנגעקומענ דער ליבער יאָמטעוו שווּעס. עס איז אָנגעקומענ דער שאבעס, וואָס נאָכ שווּעס. עס איז אװעקגעגאנגענ דער שאבעס, וואָס נאָכ שווּעס, אונ נאָכ א שאבעס, אונ נאָכ א שאבעס — אונ איכ בינ נאָכ אלצ א גאסט אינ מײַנ שטעטל.

וואָס טו איכ דאָ? — גאָרנישט. גאָלע גאָרנישט. מײַנ טאטע-מאמע רעכענענ, אז איכ בינ געוואָרנ א באלטשווּוע. אז איכ האָב כאראָטע אפ דעמ, וואָס ס׳איז געווענ, וואָס איכ האָב ווידערשפעניקט זייער געבאָט, ניט געוואָלט גיינ אינ זייערע וועגנ. אונ זיי זײַנענ צופרידנ. זייער צופרידנ.

אונ איכ? וואָס טו איכ דאָ? וואָס דארפ איכ דאָ? — גאָרנישט. גאָלע גאָרנישט. אלע טאָג גיי איכ מיר ארויס איינער אליינ אפנ שפאציר, הינטער דער שטאָט ארויס. אהינ — אפ יענער זײַט מיל. אהינ — אפ יענער זײַט בריקל. אהינ — צו יענעמ פילפארביקנ פעלד, וואָס ציט זיכ אָנ א סאָפ אונ אָנ א ברעג, וואָס איז ארומגעברעמט מיט א זילבערנ טײַכל פונ איינ זײַט אונ מיט א קליינוווּקסיק, נאָר געדיכט וועלדל פונ דער אנדערער זײַט. דאָס זילבערנע טײַכל זעט אויס, ווי א זילבערנע אטאָרע צו א נײַעמ טאלעס פונ בלויענ טכיילעס. דאָס געדיכטע וועלדל זעט אויס, ווי א געדיכטע פאטלע געקרײַזלטע האָר, פונ צײַט צו צײַט גערירט פונ א ווינטל.

[1] בראַכ, דוודי,

דאָרט זעץ איך מיך אוועק איינער אליין אפֿן בערגל. אפֿן יענעם בערגל, ווו מיר זײַנען ערשט דאָ ניט לאַנג געזעסן אינצווייען, איך און בוזי, די ליליע פֿון שאָרונ, די רויז פֿון די טאָלן.

אפֿן יענעם בערגל, ווו מיר זײַנען אמאָל, מיט יאָרן צו־ריק, אינצווייען, איך און בוזי, געלאָפֿן, ווי די יונגע הירשן, און געשפּרונגען, ווי די פֿעלד־אינדן, אפֿן די בסאָמים־בערג. דאָרט, אפֿן יענעם אָרט, ווו עס ליגן באַהאַלטן די בעסטע זיכרוינעס פֿון מײַן אייביק פֿאַרלאָרענער יוגנט, פֿון מײַן אַן אייביק פֿאַרלאָרענעם גליק, קאָן איך מיר אוועקזיצן איינער אליין שטונדן־לאַנג און באַוויינען און באַקלאָגן די אומפֿאַרגעסלעכע שולאַמיס פֿון מײַן שיר־השירים־ראָמאַן.

15

און וואָס איז מיט דער שולאַמיס פֿון מײַן שיר־השי־רים־ראָמאַן? וואָס איז מיט בוזין? וואָס איז דער שלום? וואָס איז דער סאָף?

צווינגט מיך ניט, איך זאָל אײַך דערציילן דעם סאָף פֿון מײַן ראָמאַן. דער סאָף, ער מעג זיך זײַן דער בעסטער, איז ער א טרויעריקער אקאָרד. דער אָנהייב, דער ערגסטער אָנ־הייב, איז בעסער פֿונעם בעסטן סאָף. עס איז מיר דעריבער א סאך גרינגער און א סאך מער אָנגענעם צו דערציילן אײַך די דאָזיקע געשיכטע נאָכאמאָל פֿונעם אָנהייב. נאָכאמאָל און נאָכאמאָל און נאָך הונדערט מאָל. און מיטן אייגענעם לאָשן, וואָס אלעמאָל:

איך האָב געהאט א ברודער בעני. איז ער דערטרונקען געוואָרן אין טײַך. האָט ער איבערגעלאָזט א יעסוימעלע. האָט מען זי גערופֿן בוזי. פֿאַרצוייגן פֿון עסטער־ליבע: ליבו־

זי — בוזי. און שיין איז געווען די בוזי, ווי די שולאַמיס, וואָס פון שיר־השירים. און מיר זײַנען געוואַקסן, איך און בוזי, ווי א שוועסטער מיט א ברודער. און מיר האָבן זיך ליב גע־האַט, איך און בוזי, ווי א שוועסטער מיט א ברודער.

און אַזוי ווײַטער.

דער אָנהייב, דער ערגסטער אָנהייב, איז בעסער פונעם שענסטן סאָף.

דער אָנהייב — לאָז זײַן דער סאָף, דער עפּילאָג פון מײַן ניט־אויסגעטראַכטן, נאָר עמעסן, שמערצלעכן ראָמאַן, וואָס איך האָב מיר דערלויבט צו קרוינען מיטן נאָמען: שיר־השירים.

1911—1909

מײַנ ערשטער ראָמאַנ

דאָס ערשטע קאַפּיטל

(די ערשטע שטעלע און דער קויעכ פונ פּראָטעקציע)

ווער עס האָט פאַרזוכט דעמ טאַמ פונ זיצנ שפּעט באַנאַכט א הונגעריקער בא א שמעלצנדיק ליכטל, אײַנגעהילט אינ א צעריסנ פּעלצל, אונ כאַזערנ גראַמאַטיקע: אימעניטעלנעי— ביעלעי סוויעזשעי כליעב; ראָדיטעלנעי—ביעלאַהאָ סוויעזשאַ-האָ כליעבאַ; דאַטעלנעי — ביעלאָמו סוויעזשעמו כליעבו, אונ

בעשאם־מײַסע זאָל זיך גלוסטן כאָטש א שווארץ אלטגעבאקן שטיקל ברויט — און ס'איז ניטאָ... ווער עס האָט פארזוכט דעם טאם פון שלאָפן אפ א הארטער באנק מיט א ווייכן קולאק צוקאָפּנס, און דאָס לעמפּל טשאדעט, און דאָס קינד וויינט, און די אלטע וואָרטשעט... ווער עס האָט פארזוכט דעם טאם פון א פּאָר שטיוול, וואָס איינע אָפּצאס איז אָפּגעשפּרונגענע און א פּאָדמעטקע שלעפּט זיך נאָך און קוואטשקעט, און איר קאָנט פון איר בעשום־אויפן ניט פּאָטער ווערן... ווער עס האָט פארזוכט דעם טאם פון אָפּטראָגן דעם זייגער אין לאָמבארד ארײַן, און דער לאָמבארד וויל אים ניט אָנעמען, מאכמעס די קאָפּערטע איז ניט פון ריין זילבער און די געדערים זײַנען ניט ווערט קיין פירער... ווער עס האָט פארזוכט דעם טאם פון בעטן בא א גוטנפרײַנט א גמילעס־כעסעד, און ער לאָזט זיך לאנג ניט בעטן, לייגט ארײַן די האנט אין קעשענע און כאפּט ארויס דאָס בײַטעלע און שווערט אײַך, אז ער האָט ניט א גראָשן... ווער עס האָט דאָס אלצדינג פארזוכט, אליין איבערגעלעבט, — דער וועט מיך עפּשער פארשטיין, וויִאזוי מיר איז געווען אפ דער נעשאָמע, אז איך האָב באקומען א שטעלע — די ערשטע שטעלע — פון צוועלף קארבן א כוידעש מיט קעסט און קווארטיר און אפ אלעם גרייטן!

וויִאזוי איך האָב די שטעלע באקומען — ווײַל איך אײַך נישט באמיִען, און איך מיין, אז איך בין גאָר נישט מעכויעוו אײַך אלצדינג דערציילן, אז איך האָב א פעטער, און דער פעטער האָט א מומע, און די מומע האָט א באקאנטן, און דער באקאנטער האָט א קאָרעוו, און דער קאָרעוו האָט א מעכוטן זייער א רײַכן, נאָר א פּראָסטן באלעבאָס, וואָס וווינט אין א דאָרף, האָט א זון א בען־יאָכיד און זוכט א לערער אפ

יִדיש און אַפֿ רוסיש און אַפֿ דײַטש און אַפֿ בוכהאַלטעריע, און זאָל זײַן אַ טאַטנס אַ קינד, און זאָל קאָסטן וואָלוול — פּונקט אַנגעמאָסטן פֿאַר מיר! און איך האָב אָנגעווענדט אַלע מײַנע קויכעס און איך בין אַוועקגעלאָפֿן צום פֿעטער און האָב געבעטן דעם פֿעטער, ער זאָל בעטן די מומע, אַז זי זאָל בעטן דעם באַקאַנטן, אַז ער זאָל בעטן דעם קאָרעוו, אַז דער קאָרעוו זאָל פּויעלן בײַ זײַן מעכוטן דעם רײַכן באַלעבאָס, אַז ער זאָל נעמען מיך, ניט קיין אַנדערן, וואָרעם אַכוץ מיר איז פֿאַראַן אין מאַזעפּעווקע נאָך אַזעלכע באָכערימלעך, וואָס קענען יִדיש און רוסיש און דײַטש און בוכהאַלטעריע, און וואָס זײַנען אײַך גרייט צו פֿאָרן אין דער וועלט אַרײַן, אַבי אַ שטיקל ברויט. נישט אַזוי גיך האָט מײַן באַלעבאָס אַרויסגערעדט דאָס גוטע וואָרט, אַז ער נעמט מיך; ער האָט זיך לאַנג געשלאָגן מיט דער דייע: ערשטנס, צי זאָל ער נעמען אַ לערער צי ניין? און צווייטנס, אויב נעמען, צי זאָל ער נעמען מיך צי אַן אַנדערן? ביז גאָט האָט געהאָלפֿן, ס׳איז בײַ אים געבליבן, אַז ער זאָל יאָ נעמען, און דער גוירל איז געפֿאַלן אַפֿ מיר, מאַכמעס די קענטעניש (אַזוי האָט ער געזאָגט) שפּילן בײַ אים אַ קליינע ראָליע; קענערס, האָט ער געזאָגט, זײַנען הײַנט פֿאַראַן ווי די הינט; דער איקער איז בײַ אים, אַז דער לערער זאָל זײַן „אַ טאַטנס אַ קינד“. און אַזוי־ווי איך בין אַ טאַטנס אַ קינד, דערפֿאַר „נעמט ער מיך“. אַזוי האָט ער מיר געזאָגט, מײַן נײַער פּרינציפּאַל. נאָר איך האָב מוירע, אַז ער האָט געזאָגט, מעכילע, ליגן: מײַנע איבעריקע קאָנקורענטן זײַנען אויך „טאַטנס קינדער“ נישט ווינציקער פֿון מיר. נאָר וואָס דען? זכוס־אָוועס, פּראָטעקציעס.

יאָ, גרויס און שטאַרק איז דער קויעך פֿון פּראָטעקציע! און אַז ווײַל איז דעם מענטשן, וואָס האָט אַ פֿעטער, וואָס

ער האָט א מומע, וואָס זי האָט א באקאנטנ, וואָס יענער האָט א קאָרעוו, וואָס ער האָט א מעכוטנ א רײַכנ באלעבאָס, וואָס וווינט אינ א דאָרפ אונ האָט א בענ־יאָכיד אונ זוכט א לערער אפ יִדיש אונ אפ רוסיש אונ אפ בוכהאלטעריע, אונ זאָל זײַנ „א טאטנס א קינד“, אונ ס'זאָל קאָסטנ וואָלוול!..

דאָס צווייטע קאַפּיטל

(מײַנ פּרינציפּאל פאָרווײַגט מיכ מיט זײַנע גוזמעס, אונ איכ כאַפּ א דרימל)

ווער איז געווענ מײַנ פּרינציפּאל? וואָס איז ער געווענ? וואָס פאר א פּאָנעמ האָט ער געהאט: צי א הויכער צי א נידעריקער? צי א דינער צי א גראָבער? צי א געלער צי א שווארצער? איכ מיינ, אז ס'איז אײַכ ניט אזוי נייטיק צו וויסנ. וויאזוי מע רופט אימ — איז אײַכ, דאכט מיר, אויכ ניט נעגייע אינ לעבנ. עס קאָנ זײַנ, אז ער לעבט נאָכ ערגעצ, פּאסט מיר גאָר ניט, איכ זאָל ארויסשטעלנ דעמ נאָמענ זײַנעמ. לאָמיכ אײַכ בעסער איבערגעבנ דעמ שמועס, וואָס מיר האָבנ געהאט דאָס ערשטע מאָל, בעשאס ער האָט מיכ גענומענ צו זיכ אינ וואָגנ ארײַנ — א גאנצ פײַנער עקיפּאזש מיט צוויי שיינע פערד — אונ האָט מיכ מעכאבעד געווענ מיט א ציגאר — די ערשטע ציגאר, וואָס איכ האָב אפ מײַנ לעבנ פארייכערט אונ וואָס האָט מיכ אָפּגעקוילעט אפ אייביק.

— פאָרט איר ארויס, הייסט דאָס, יונגערמאנ, דאָס ערשטע מאָל פונ שטאָט אינ דאָרפ ארײַנ? — אזוי מאכט ער צו מיר. אונ קוקט אפנ גרויענ אש פונ דער שווארצער ציגאר. — איר קערט אוודע מיינע, יונגערמאנ, אז א דאָרפ איז מי־יעדייע וואָס, אונ מיר, דאָרפס־יִדנ, ווייסנ ניט, וואָס

גוט איז? איר וועט זיך פארגינענ אָנקוקן, יונגערמאן, א זי־צעכץ פונ א דאָרפס־ייִד, א שטוב מיט א הויפ מיט א גאָרטן — א פאלאץ, א דוואָרעץ! כאדאָרים און כאדאָרימלעך, איך זאָל אײַך זאָגן, יונגערמאן, בעלי־גוזמע, קימאט ביז צוואנ־ציק. וואָס זאָג איך צוואנציק? אריבער דרײַסיק! אײַ, צו וואָס דארפ איך אזויפיל כאדאָרים? איך ווייס אליינ ניט: צוליב די געסט. עס קומענ צו מיר אָפטמאָל געסט. וואָס זאָג איך אָפטמאָל? אלע וואָך, אלע טאָג. ניטאָ דער טאָג, סע זאָל ניט קומענ קיינ גאסט, צוויי געסט, דרײַ געסט, און נאָך וואָסערע געסט! א פאָרעץ, א פריסטאוו, אנ איספראווניק, א מיראָ־וואָי... איך לעב מיט זיי אלע זייער גוט. לאָמיך האָבנ די בראָ־כעס, וויפל מאָל סע מאכט זיך: איך זע א קארעטע מיט פיר פערד פאָרט צו גלײַך צום גאנעק; פרעג איך: ווער איז דאָך געקומענ? זאָגט מענ מיר: יעוואָ פרעוואָסכאָדיטעלסטוואָ, דאָס הייסט, דער גובערנאטאָר אליינ... נו, קאָנ מענ ניט זײַנ קיינ דאָווער־אכער, און מע מוז אים אופנעמענ, ווי סע קער צו זײַנ, אים אָפּטרעטנ די גרעסטע כאדאָרים מיטנ גאנצנ גאָרטנ. און בא מיר א גאָרטנ — מעג מענ אים אָנקוקנ! א וואלד, ניט קיינ גאָרטנ! מײַנע עפל, מיט מײַנע בארנ, מיט מײַנע פלוימענ! הײַנט ווײַנטרויבנ? אלצדינג איז בא מיר, באָרעכ־האשעם, פאראנ אייגנס: ווישניק פונ מײַנע ווײַנשל, און ווײַנ פונ מײַנע ווײַנטרויבנ, און ראָזינקעס אייגענע, און אפילע פיש אויך אייגענע פונעם אייגענעם טײַך, און נאָך וואָסערע פיש, קאָרעסנ און קארפּנ און שלײַענ און לע־שטשעס — לעשטשעס אָט אזעלכע־אָ... — דערבײַ טוט מײַנ פרינציפּאל א מאך מיט ביידע הענט אינ דער ברייט, און איך בייג זיך אָנ א ביסל אפּ א זײַט, ביכדיי איך זאָל אים קאָנענ דורכלאָזנ זײַנע לעשטשעס...

ער הערט נישט אויף צו דערציילן גוזמעס, און איך האָרך, האָרך מיט קאָפּ, שלינג, שלינג די ווערטער. די קאַרעטע וויגט זיך ווי א וויג־בעטל, די פערדלעך שמייסן מיט די וויידלען און לויפן, לויפן אָן אן אָפּשטעל, און איך קאָן אייך אקוראט ניט זאָגן, צי פונעם וויגן זיך אין דער ווייכער קאַרעטע, צי פון די פערדס שמייסן מיט די ווידלען, צי עפּשער פונעם פרינציפּאלס גוזמעס — איך הייב אָן צו כאַפּן א דרימל... עס איז א שיינע ווארעמע זומער־נאכט! א גרינג ווינטל פארגאנוועט זיך אלעמאָל און טוט מיך א שמיר, א גלעט, ווי מיט סאמעט, איבערן פּאָנעם, און איך ווער אנשלאָפן, און פונעם שלאָף הער איך, אז מיין פרינציפּאל כראָפּעט געשמאק.

אז מיר זיינען געקומען צו פאָרן אפן אָרט, האָט שוין די זון געהאט איינגעפאָרן א שטיק הימל; ריין איז זי געווען, די יעפּייפּיע, ריין און לויטער, ליכטיק און לעבעדיק, געשמייכלט צו מיר גאָר פריינטלעך און אָפּגעגעבן מיר אפן נייעם אָרט א שיינעם, א ברייטן גוטמאָרגן.

דאָס דריטע קאפּיטל

(א צעטל פון ליגנערס. א קאלטער קוק און א ווארעמע רעקאָמענדאציע)

פאראן אלערליי מינים ליגנערס אף דער וועלט. פאראן ליגנערס אזעלכע, וואָס קיינער נייט זיי ניט, קיינער שלעפּט זיי ניט פאר דער צונג, נאָר גלאט אזוי — ס'איז דאָ א מויל און סע רעדט. צווישן די דאָזיקע ליגנערס זיינען פאראן דרייערליי מינים: א ליגנער אף נעכטן, א ליגנער אף היינט און א ליגנער אף מאָרגן. דער נעכטיקער ליגנער וועט אייך דערציילן באָבע־מייסעס, וואָס נישט געשטויגן, נישט געפלויגן,

פלויגן; ער וועט אײַך שווערן, אַז ער איז דערבײַ אַליין געפלויגן — און גייט זײַט כוּיקער־וועדוירעש, זוכט איידעס, ווען — און גייט זײַט כוּיקער־וועדוירעש, זוכט איידעס, לייקנט אים אָפּ!.. אַ הײַנטיקער ליגנער — דאָס איז ניט קיין ליגנער, אייגנטלעך, נאָר אַ באַרימער; ער וועט אײַך דערציילן, אַז ער האָט, אַז ער ווייסט, אַז ער קאָן — און גייט פאַרהערט זיך מיט אים!.. דער מאָרגנדיקער ליגנער — דאָס איז גלאַט אַ גוטער מענטש, וואָס זאָגט אײַך צו גילדענע בערג: ער וועט גיין, ער וועט ריידן, ער וועט טאָן פון אײַערטוועגן — און איר דאַרפט אים גלייבן אַפּ נעמאָנעס. די אַלע דרײַ מינים ליגנערס ווייסן, אַז זיי זאָגן אַ ליגן, נאָר עס מאַלט זיך זיי אויס, אַז יענער גלייבט זיי. פאַראַן אָבער אַזאַ מין ליגנער, וואָס בעשאַס ער זאָגט אָפּ דעם ליגן, מיינט ער אַליין, אַז ער האָט געזאָגט אַן עמעס, און איז איבערצײַגט, אַז יענער מיינט אויך, אַז ס'איז אַן עמעס, און בעשאַס־מײַסע האָט ער בעעמעס האַנאָע. דאָס איז אַ מענטש, וואָס לעבט אינעם אוילעם־האַדימיען, אַ מענטש, וואָס פאַנטאַזירט. מע קאָן זאָגן: דאָס איז אַ מין מעכאַבער, וואָס קלערט אויס אַלעמאָל אַ נײַע מײַסע, פאַרגעסט וואָס ער האָט נעכטן דערציילט, און די פאַנטאַזיע אַרבעט בא אים אַלעמאָל אַ פרישן געדאַנק, אַ שפּאָגל־נײַע אידיי.

אָט פון דעם לעצטן מין ליגנערס איז געווען מײַן פּרינציפּאַל. איר פאַרשטייט שוין אַליין גאַנץ גוט, אַז פונעם דוואָרעץ האָט זיך אויסגעלאָזט אַ גאַנץ געוויינלעכער הויף, פונעם פּאַלאַץ — אַ גאַנץ געוויינלעכע שטוב מיט אַ סאַך ווינציקער פון דרײַסיק כאַדאָרים און כאַדאָרימלעך. דער גאָרטן איז געווען אַ גאַנץ געוויינלעכער גאָרטן. אַפּן אָרט פון ווײַנטרויבן זײַנען געוועגן גרינע אַגרעסן, אַפּן אָרט פון ווײַן — פּאַשעטער עפּל־קוואַס, און אַפּן אָרט פון די

גרויסע לעשטשעס זײַנען געװען קלײנע העכטלעך, אי דאָס — ניט פונעם אײגענעם טײַך, נאָר געבראַכטע פון מארק...

באַנגענט האָט אונדז א גראָבע ייִדענע מיט א פּאַק שליס־לען. דער קוק, װאָס זי האָט אױף מיר געװאָרפן, איז געװען א קאַלטער קוק, און מע קאָן ניט זאָגן, אז ס'איז מיר געװען זײער שטאַרק אָנגענעם. דער דאָזיקער קוק האָט באַטײַט: „װאָס איז דאָס פאַר א שלימאַזל?"... מײַן באַלעבאָס האָט דעם קוק פאַרשטאַנען און האָט מיט א כניפּעלע װי פאַר־ענטפערט זיך פאַר איר:

— דאָס האָב איך געבראַכט א נײַעם לערער פאַרן „קינד"... װוּ איז דאָס „קינד"?

— דאָס קינד שלאָפט נאָך. — האָט זי אים געענטפערט מיט א קאָל פון א מאַנצבל און האָט מיך מעכאַבעד געװען מיט נאָך אײן קאַלטן קוק, װאָס קאָן פאַרקילט װערן פון אים אין די געדערים. א גליק, װאָס דער פּרינציפּאַל האָט געהײסן, מע זאָל עפּעס געבן צום טיש, און האָט מיך באַזעצט נעבן זיך און האָט מיר אין עטלעכע מינוט, ביז מע האָט דער־לאַנגט דעם סאַמאָװאַר, אױסדערצײלט װאָס זײַן זון קען, װי גוט ער לערנט און װי שײן ער שרײַבט.

— זײַן שרײַבן האָט א שעם! די װעלט טראָגט זיך אַרום מיט זײַנע בריװ! דײַטש איז בא אים די מוטערשפּראַך. הײַנט רעדט ער פראַנצױזיש!

די באַלעבאָסטע מיט די שליסלען האָט דערלאַנגט צום טיש קעז און פּוטער און סמעטענע און מילך און האָניק, און נאָך גוטע זאַכן, און עס װאָלט געװען גאָר ניט שלעכט, װען זי זאָל אַלײן זיך ניט געװען אװעקזעצן אַקעגן און װאַרפן אױף מיר מיט אירע זיסע אױגן. מײַן פּרינציפּאַל האָט פאַר־

שטאנענ איר קוק אונ האָט איר אַפּ א מינוט אויסגערעכנט דעם יזכעס מײַנעם, ווער איכ בינ אונ וואָס איכ קענ, אונ איכ האָב געפילט, אז עס ברענט בא מיר דאָס פּאָנעם מיט די אויגנ מיטנ קאָפּ אונ מיט די האָר פונעם קאָפּ. נאָכ מײַנ פּרינציפּאלס ווארעמער רעקאָמענדאציע איז אויסגעקומענ, אז איכ בינ דעם באלשעמס אנ אייניקל אונ קומ ארויס פונ סאמע ראבאָנים, מעיוכאָסים אונ גווירים־אדירים, אונ קאָנענ קאָנ איכ מער פונ א סטודענט אונ פונ א דאָקטער אונ פונ א פּראָפעסאָר אונ פונ דרײַ פּראָפעסאָרנ... צי האָט זי געגלייבט די דאָזיקע פּיזמוינעס — ווייס איכ נית. נאָר דער קאלטער הארטער קוק אירער איז געוואָרנ, דאכט מיר, א ביסל וואַרעמער אונ ווייכער.

דאָס פערטע קאַפּיטל

(דאָס „קינד" עסט פאר דרײַ סאָלדאטנ, אונ דער לערער גייט אויס פאר הונגער)

דאָס קינד איז געוועזנ א הויכער, א גראָבער, א געזונטער, א ווײַסער, א שיינער, א לעבעדיקער, א פרייליכער באָכער, מיט ווײַסע רויטפּארביקע באקנ, מיט היפּשע פעטע פּיסקעס, מיט א הויכנ ווײַסנ שטערנ, מיט גוטע גרויע אויגנ, מיט פעכקע ווײַסע הענט, ווי פּאמפּעשקעס, אונ האָט ליב געהאט דרײַ זאכנ: עסנ אונ שלאָפנ אונ לאכנ. נאָר מער פונ אלצ האָט ער ליב געהאט דאָס עסנ. אונ עסנ האָט מענ דאָרט געגעסנ פונ אינדערפרי ביז באנאכט. אכוצ טיי אונ קאווע אונ איבערבײַסנ אונ אָנבײַסנ אונ ווארמעס אונ מיטיק אונ וועטשערע, האָט די מאמע אלעמאָל ארײַנגעשיקט דעם „קינד" א גלעזל שאָקאָלאד, א בייגל, א קיכל, א לעקעכל, א ביסל

אײַנגעמאכטס, און אָפּטמאָל א לעבערל, א פּופּעקל, און גלאַט א שטיקל בולקע, דאָס הארץ זאָל ניט כאַלעשן... און דער לערער האָט דאָס באדאַרפט צוזען, שלינגען די שליים און פארשטילן דעם הונגער מיט א ציגאַר טיטון...

די ערשטע צײַט, ביז דער רעבע איז זיך ניט צוגעוויינט געגאנגען מיטן טאַלמיד, האָט ער געליטן דעם עמעסן טאַם פון הונגער, ווארעם דעם טאַלמידס מוטער, די באַלעבאָסטע מיט די שליסלען, האָט אים געגעבן מאַקעס, ניט קיין עסן. אין שטוב האָט זיך טאָמיד געפונען עסנווארג, און איבערהויפּט מילכיקס, לאָרויוו, נאָר אלצדינג איז געווען אונטערן שלאָס דער פּרינציפּאַל פלעגט זיך אָפטמאָל ארײַנמישן, מע זאָל געבן דעם לערער עסן; דערויף פלעגט די באַלעבאָסטע אָנהייבן קלינגען מיט די שליסלען — א סימען, אז זי איז אין קאַס— און זאָגן:

— סטיײַטש, ווי דען? מע גיט אים עסן דרײַ מאָל א טאָג, האָפּטו געהערט א ביסל!..

און דאָס איז געווען א גרויסער ליגן! נישט נאָר דרײַ מאָל א טאָג — אפילע איין מאָל ניט. איך האָב וויפל מאָל באַמערקט פונדערווײַטן, ווי מע ווארפט ארויס שטיקער פלייש, ווי מע גיסט אויס קריגלעך מיט מילך — אין דער צײַט, ווען איך האָב געכאַלעשט בא זיך אין כיידער נאָך א שטיקל ברויט. די טעג, וואָס דער פּרינציפּאַל איז ניט געווען אין דער היים, בין איך פאָשעט אויסגעגאַנגען פון הונגער. מײַן גליק איז געווען, וואָס איך בין באַצײַטנס געוואָרן כאַווער מיט מײַן טאַלמיד.

דאָס פינפטע קאפיטל

(דער רעבע מיטנ טאלמיד שלאָגנ בלאט, אונ מע לעבט א גוטנ טאָג)

— אויב איר ווילט זיכ האלטנ דאָ אונ מיר זאָלנ זײַנ
כאוועד — אזוי האָט זיכ אָנגערופנ איינמאָל אינ א פרימאָרגנ
צו מיר דאָס „קינד“, בעשאס מיר זײַנענ געזעסנ אליינ אי:
אונדזער באזונדער כיידער מיט אָפענע פענצטער אינ גאָרטנ
ארויס — אויב איר ווילט, מיר זאָלנ זײַנ כאווער אונ איר
זאָלט ניט אוועקפאָרנ, זאָלט איר די ספאָרימ מיט די ביכער
פארוואָרפנ אונטערנ טיש, אונ אליינ זאָלנ מיר אָדער שפּילנ
אינ „דאמקעס“, אָדער אינ „זעקס-אונ-זעכציק“, אָדער מיר
זאָלנ זיכ גאָר אויסציִענ אפ די בעטלעכ מיטנ פּאָנעמ ארופּ
אונ שפּײַענ אפ דער סטעליע.

אונ נישט לאנג געטראכט, נעמט מײַנ טאלמיד אונ טוט
א שלײַדער די ספאָרימ מיט די ביכער אונטערנ טיש, טוט
זיכ א וואָרפ אפנ בעטל מיטנ פּאָנעמ ארופּ אונ טוט א שפּײַ
דורכ די ציינ, נאָר אזוי קונציק, אזוי בערייִש, אז ער דער-
לאנגט גלײַכ צו דער סטעליע, אונ מיר ביידע הייבנ אָנ לאכנ.

פונ דעמלט אָנ איז אוועקגעגאנגענ בא אונדז א לעבנ, ווי
גאָט אינ אָדעס. דער טאלמיד האָט אויסגעלערנט דעמ רעבנ
שפּילנ אינ „דאמקעס“ אונ „זעקס-אונ-זעכציק“ (איכ בינ זיכ
מוידע, אז ביז דעמלט האָב איכ ניט געוווּסט קיינ צורע פונ
קיינ קאָרט, אונ אז איכ האָב מיכ באקענט מיט דעמ שפּיל,
האָב איכ ליב געקריגנ א קערטל דאָס כּיִעס !). דער רעבע האָט
געשלאָגנ בלאט מיטנ טאלמיד אונ האָט פארוואָרפנ אלע
ספאָרימ מיט אלע ביכלעכ אונ האָט געשפּילט מיטנ טאלמיד
אינ „דאמקעס“ אָדער אינ „זעקס-אונ-זעכציק“, אָדער געלעגנ
אונ געשפּיגנ אפ דער סטעליע, אָדער געגעסנ אינײַנעמ מיט

אים, פארזוכט פון אלע מײַכאָלימ צוביסלעך, און האָט זיך ארומ אים גוט אונטערגעפיטערט. אין א פּאָר כאדאָשימ ארום האָט ער פארבײַגייענדיק א קוק געטאָן אפ זיך אינ שפּיגל, דערזען א פּאָר באקנ — און האָט זיך אליינ ניט דער־קענט...

צו אונדז אינ כיידער איז נישט ארײַנגעקומענ קיינער. אכוץ דער דינסט מיט עסנווארג. מײַנ פּרינציפּאל איז זעלטנ געווענ אינ דער היימ, און די באלעבאָסטע מיט די שליסלענ האָט געהאט צו טאָנ טאָג ווי נאכט מיטנ מילכיקס און מיט די קריגלעך און האָט ניט ארײַנגעשמעקט צו אונדז. מיר האָבנ דאָס געלעבט בעעמעס א גוטנ טאָג, געווענ פראנק אינ פרײַ, נישט געהאט אפ זיך קיינ שומ אָל פון קיינ שומ זאך און פון קיינ שומ מענטשנ — מאמעש א גאניידנ!

נאָר איינמאָל האָט מיך דער פּרינציפּאל א כאפּ געטאָנ:

— נו? וויאזוי לערנט ער?

— אויסגעצייכנט! — זאָג איך און פארקרים זיך ניט אפילע.

— איאָ? וואָס האָב איך אײַך געזאָגט? — מאכט ער צו מיר, און איך וווּנדער זיך, וויאזוי איך קוק אים גלײַך אינ די אויגנ ארײַנ.

אינ דער דאָזיקער שטוב, ווו איינער האָט גענארט דעמ אנדערנ, ווו אלע האָבנ געפּאלשט, געזאָגט ליגנ, ווו דער שע־קער איז געהאנגענ אויבנ־אופ, געשוועבט, זיך געלאָזט הערנ אינ'דער לופט, — אינ דער דאָזיקער שטוב האָט מענ גע־קאָנט זיך אויסלערנענ זאָגנ א ליגנ.

דאָס זעקסטע קאַפּיטל

(די ערשטע ליבע־בריוולעך צווישן כאַסן־קאַלע און דאָס ערשטע פּייַערל צינדט זיך אָן)

אײנ: ארבעט איז בא אונדז יאָ געווען: אָפּנעמען די פּאָסט און ענטפֿערן אַף די בריוו. און בריוו האָבן מיר געהאַט קימאַט אַלע טאָג; איך זאָג „מיר" האָבן געהאַט, ווײַל מיר בײדע האָבן באַדאַרפֿט אַף זײ געבן טשוווע. די בריוו זײַנען געווען געשריבן צו מײַן טאַלמיד פֿון זײַן פֿילגעליבטער קאַלע, כאָטש ער אַלײן האָט זיך מיר מוידע געווען, אַז ער האָט זי ווײניציק־וואָס ליב.

טכילעס זײַנען די בריוו געווען ניט אַזוי אָפֿט — אײן מאָל אין צוויי וואָכן, אײן מאָל אין וואָך; נאָר פֿון זינט איך בין אָנגעקומען, איז דאָס שרײַבן געוואָרן פֿאַרגרינגערט, און די בריוו האָבן אָנגעהויבן גײן הין און צוריק אָפֿטער.

— נאַט לײענט איבער און ענטפֿערט איר אָפּ. וואָס דולט זי מיר אַ מויעך! — אַזוי האָט מיר מײַן טאַלמיד אײנמאָל געזאָגט און אַ וואָרף געטאָן מיר אין פּאָנעם אַרײַן זײַן פֿילגעליבטער קאַלעס אַ בריוול.

איך האָב איבערגעלײענט דאָס בריוול, און ס'איז מיר נעפעלן געוואָרן, וואָס זי שרײַבט:

מײַן ליבער טײַערער כאָסן! דו ווײסט, עס האָט זיך מיר צוגעגעסן דײַנע גרוסן, וואָס זײַנען געראָטן אײנס אינעם אַנדערן, ווי אײן מאַמע וואָלט זײ געהאַט, ווי צוויי טראָפּן וואַסער, וואָס גײען פֿון אײן טײַך. איך וויל הערן פֿון דיר עפּעס אַ פֿריש וואָרט, אַזאַ וואָרט, וואָס זאָל מיר דערוואַרעמען דאָס האַרץ און באַלײַכטן די נעשאָמע. צו קאַלט איז דאָס האַרץ, צו טונקל די נעשאָמע!..

פֿון מיר דײַן געטרײַע קאַלע...

איך האָב ניט לאַנג געטראַכט און האָב דערויף אָפּגעענט־פֿערט פֿאַר מײַן טאַלמיד בעזע האַלאָשן:

מײַן ליבע געטרײַע קאַלע! דו שרײַבסט מיר, אַז מײַנע ווערטער זײַנען געראָטן איינס אינעם אַנדערן, ווי איין מאַמע וואָלט זיי געהאַט; ווי קאָנען דען אַנדערש זײַן, אַז איין געפֿיל האָט זיי געבוירן? דו זאָגסט, אַז זיי זעען אויס, ווי צוויי טראָפּן וואַסער, וואָס גייען פֿון איין טײַך; ווי קאָן דאָס אַנ־דערש זײַן, אַז זיי גייען פֿון איין קוואַל, פֿון איין האַרץ? דו בעטסט בײַ מיר אַ פֿריש וואָרט; קאָנען דען זײַן פֿרישער ווי דאָס וואָרט „ליב"? קאָנען דען זײַן ניט ליכטיק אויף דער נשמה, אַז איך דערמאָן זיך אין דיר, טײַערע קאַלע?!

פֿון מיר דײַן געטרײַער כּאָסן...

דערויף האָבן מיר אינגיכן באַקומען אַ טשוווע:

ליבער טײַערער כּאָסן!

דײַנע זיסע ווערטער האָבן מיך איצטיקס מאָל דערפֿרישט און דערוואַרעמט, און ס'איז מיר ליכטיק געוואָרן אין אַלע ווינקעלעך. איך וואָלט געמעגט שווערן, אַז איך האָב דער־הערט אַ נײַ מין געזאַנג, אַ גאַניידן־מעלאָדיע פֿון אַ טײַערער, אַ ליכטיקער נשמה, און איך האָב דערפֿילט עפּעס ווי אַ נײַע הויט אויף זיך. עס האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז עס וואַקסן בײַ מיר פֿליגל, און איך שוועב, איך שוועב אינדערלופֿטן, און אַ גאַנצע קאַפּעליע מאַלאָכים גייען מיר אַנטקעגן, באַ־גריסן מיך, טראָגן מיר אַ גרוס פֿון מײַן ליבן טײַערן זיסן כּאָסן, וואָס שרײַבט אַזעלכע זיסע ווערטער, וואָס מײַן האַרץ און מײַן נשמה זײַנען אים אינגאַנצן, אינגאַנצן איבערגע־געבן פֿון איצט אָן אויף טאָמיד, אויף אייביק!

פֿון מיר דײַן דיך ליבנדע און טאָמיד געטרײַע קאַלע...

ליבע, זיסע, טײַערע און געטרײַע נשמה מײַנע!

ניין, דו האָסט זיך נישט טויע געווען, מײַן טײַערע קאַ־לע! נישט קיין פּאָשעטע קאַלטע ווערטער זײַנען דאָס געווען, נאָר געפילן, וואָס גיסן זיך ארויס גלײַך פונעם הארצן און גיסן זיך אַרײַן צו יענעם; פעדעם, וואָס ציִען זיך גלײַך פון דער נעשאָמע און ציִען צו צו זיך און פארבינדן און פארקניפּן צוויי יונגע נעשאָמעס אף שטענדיק, אף אייביק, אף אייביק. אָט־אָ יענע אייגענע קאפּעליע מאלאָכים, וואָס האָבן דיר אָפּ־געגעבן א גרוס פון מיר, האָבן מיר געבראכט צו טראָגן פון דיר נאָך א סאך א פרײַנטלעכערן גרוס, און מיט דער איי־גענער קאפּעליע מאלאָכים שיק איך דיר איבער איצטער, מײַן טײַער הארץ, א הייסן קוש, א הייליקן קוש פון דײַן אייביקן, אייביקן פרײַנט, וואָס טראָגט דײַן ליכטיק געשטאלט בא זיך אין הארצן טאָמיד, אף דער וואָר און אין כאָלעם.

פון מיר דײַן ברענענדיק פארליבטער כאָסן...

דאָס זיבעטע קאפּיטל

(מאטעריאל פאר א נײַעם בריווּנשטעלער)

א פונק ווערט אומגערן פארטראָגן גאָט ווייסט פונוואַנען און פאלט אף א שטרויענעם דאך, צינדט זיך אָן פון דעם א פײַערל; קומט דער ווינט און צעבלאָזט דאָס פײַערל, און עס ווערט א העליש פײַער, א סרייפע, א סרייפע!

די ערשטע בריוולעך זײַנען געווען דער ערשטער פונק, וואָס האָט זיך צעבלאָזן, צעברענט און צעפלאקערט אין א העליש פײַער. די בריוולעך זײַנען געווען וואָס ווײַטער אלץ הייסער און הייסער; דאָס פײַער איז געוואקסן וואָס ווײַטער אלץ גרעסער און שטארקער. עס האָט אויסגעבראָכן א גרוי־סע, א מוירעדיקע סרייפע בא מיר אין הארצן, א פײַער האָט

זיכ צעוואָרפנ אינ מײַנ גאנצנ לײַב, אָנגעצונדנ אלע מײַנע נערוונ, אופגעזאָדנ אונ אופגעקאָכט מײַנ בלוט, מיכ געמאכט קראנק, אויס מענטש. איכ האָב פארלאָרנ דעמ אפעטיט צײַט עסנ, איכ האָב אופגעהערט שלאָפנ, איכ בינ ארומגעגאנגענ ווי א צעדולטער. מײַנ נעשאָמע איז געלעגנ דאָרטנ, אינ די ברייולעכ, אונ אינ זיי טאקע איז געווענ מײַנ איינציקע טרייסט אונ מײַנ פרייד. א בריוו אז עס פלעגט אָנקומענ, איז געווענ בא מיר א יאָמטעוו; איכ האָב דעמ בריוו געעפנט, איכ האָב אימ געלייענט, אונ איכ האָב אפ אימ געענטפערט. מײַנ טאלמיד האָט נאָר באדארפט איבערשרײַבנ מיט זײַנ האנט, אונ איכ האָב אימ באדארפט אונטערטרײַבנ צו דער ארבעט. אונ וויפל האָט דאָס מיכ געקאָסט בלוט, אז איכ האָב באדארפט טראָגנ דעמ ווייטעק אינווייניק בא זיכ אינ הארצנ טיפ-טיפ פארבאָרגנ, זיכ באהאלטנ בעכאדריי-כאדאָרימ מיטנ קאָפ אינ קישנ אונ שטילערהייט זיכ אויסוויינענ, אופשטיינ אונ מאכנ א פריילעכ פאָנעמ אונ זיכ זעצנ מיט מײַנ ליבנ טאלמיד צו דער ארבעט — שפילנ אינ „דאַמקעס“ אָדער אינ „זעקס-אונ-זעכציק“.

איינ שטיקל גליק איז געווענ, וואָס קיינער האָט נישט באמערקט אפ מײַנ פאָנעמ, אז איכ גיי אויס, אז איכ צאנק, ווי א ליכט. איינ שטיקל גליק, וואָס מײַנ טאלמיד האָט זיכ צו מיר ניט אזוי שטארק צוגעקוקט; ווענ ער זאָל זיכ צו מיר שטארק צוקוקנ, וואָלט ער מיכ געווים געפאקט. איכ שטעל מיר פאָר, וואָס פאר א פאָנעמ איכ וואָלט בא אימ געהאט אינ די אויגנ, ווענ ער זעט מיכ קושנ זײַנ קאלעס ברייולעכ פונ אלע זײַטנ!.. אונ וויאזוי קושט מענ ניט אזעלכע ברייולעכ? זעט אליינ, וואָס זי שרײַבט צו מיר:

מײַנ ענגעל, מײַנ נעשאָמע, מײַנ טרייסט!

איך דאַרף דיר זאָגן דעם עמעס. איך בין זיך מודע פאַר דיר, מײַן טײַערער, אַז איך האָב דיך ביז אַהער ניט געקענט. איך האָב מיר קיינמאָל ניט פאָרגעשטעלט, אַז איך וועל געפינען אין דיר אַזאַ קוואַל פון סאַמע געהויבענע געפילן, פון סאַמע הויכע געדאַנקען, פון סאַמע טיפן פאַרשטאַנד, און אַזאַ אַן אויצער פון וויסנשאַפט! פון דײַנע קלוגע ווערטער זע איך אַרויס, ווי ווײַט דו ביסט באַלעזן, ווי ווײַט דו ביסט פול אומעטום!

און עס וווּנדערט מיך זייער, פאַרוואָס האָב איך דאָס נישט געוווּסט פריִער? דאָס באַווײַזט מיר נאָר דײַן טמימעס מיט דײַן פּראָסטקײַט, וואָס גיבן דיר צו חיין אין מײַנע אויגן נאָך מער ווי ביז אַהער. זאָל איך מיך ניט שעצן פאַר איינע אַ גליקלעכע, וואָס מײַן גורל איז געפאַלן אויף אַ מענטשן, וואָס אין אים שפּיגלען זיך אויף אַלע בעסטע מײַלעס: שיינקײַט, קלוגשאַפט, קענטעניש, טמימעס און גוטסקײַט? דײַן גוטסקײַט קוקט אַרויס פון דײַנע זיסע קלוגע ווערטער. דו טוסט מיך באַשענקען מיט דײַנע ליבע בריוו פון דײַן מילדער האַנט, און איך דאַנק דיר טויזנט מאָל, און איך בעט דיך אויף ווײַטער נישט פאַרגעסן.

דײַן געטרײַע און אויף אייביק דיך ליבנדע קאַלע...

דערויף האָב איך איר געענטפערט אַ ביסל פאַרשטעלט:

מײַן טײַערע, מײַן ליבע, מײַן קלוגע און מײַן וווילע! דו האָסט מיך ניט געקענט דערפאַר, ווײַל דו האָסט מיך ניט געזען, און דער, וואָס דו האָסט אים געזען, איז געווען ניט איך, נאָר אַן אָפּשײַן פון מיר. שטעל דיר פאָר, אַז מיר האָבן זיך נאָרוואָס באַקענט, אַז מיר האָבן זיך נאָך גאָר נישט געזען, אַז מיר ביידע זײַנען נײַגעבאָרן, און אַך! ווי גליקלעך זײַנען

מיר, וואָס מיר קענען נישט די וועלט, די פאַלשע ביטערע וועלט מיט די פאַלשע ביטערע מענטשן!..

פון מיר דייַנע שטערבלעכע פאַרליבטער כאָסן...

האָב איך באַקומען פון איר אַזאַ מין ענטפער:

מייַן ליבער, מייַן טייַערער, מייַן מאַלעכ פון גאָט! דייַנע זיסנ בריוו, וואָס איך האָב פון דיר דערהאַלטנ, איז פאַר מיר געוועזנ אַ סייפער־האַכאָסומ, אַ רעטעניש. דו שרייַבסט אַזוי פאַרשטעלט, אַז איך באַדאַרף מיר לאַנג ברעכנ דעם מויעכ, ביז איך זאָל דיכ פאַרשטיינ, אונ מיר דאַכט, אַז איך מעג מיכ איבערנעמענ אונ זאָגנ, אַז איך פאַרשטיי דיכ אַקוראַט. דו זאָגסט, אַז מיר דאַרפנ זיכ שעצנ גליקלעכ, וואָס מיר קענענ נאָכ ניט די פאַלשע ביטערע וועלט מיט די פאַלשע ביטערע מענטשנ. ס'איז אַ סימענ, אַז איך בינ טאַקע איינע אַנ אומגליקלעכע, וואָרעמ איכ קענ שוינ גראַדע יאָ די פאַלשע ביטערע וועלט מיט די פאַלשע ביטערע מענטשנ! אונ ווי זיס איז מיר צו דענקענ, אַז ס'איז פאַראַנ כאָטש איינער אַ לייַטי־שער אונ אַ פייַנער, אַנ עמעסער, אַ קלוגער אונ אַ גוטער מענטש, אונ דער איינער — דאָס ביסטו, מייַנ אויסדערוויילטער באַשערטער. זייַ געזונט, מייַנ טייַערער. שרייַב מיר, וואָס לייענסטו אַצינד אונ וואָס פאַראַ ביכער קאָנסטו מיר רעקאָמענדירנ צומ לייענענ? איך קוועטש דיר די האַנט מיט גרויס ליבשאַפט אונ בלייַב אַפ אייביק

דייַנ געטרייַע, געטרייַע קאַלע...

האָב איך דערופ געענטפערט בעזע־האַלאָשנ:

מייַנ לעבנ, מייַנ זעלע, מייַנ גאַניידנ!

אַז דו וווּנדערסט זיכ אַזוי אַפ מיר, הייַנט וואָס פאַר אַ כידעש, וואָס פאַר אַ רעטעניש באַדאַרפסטו שוינ זייַנ פאַר מיר? איך האָב מיר קיינמאָל ניט פאָרגעשטעלט אינ כאָלעמ

אפילע, אז איך זאָל האָבן אזעלכע בריוו פון דיר! פון די גע⸗
ציילטע לאָשן⸗קוידעש⸗ווערטער, וואָס ווארפן זיך דורך אין
דײַנע בריוו, זע איך ארויס, אז דיר איז ניט פרעמד אונדזער
הייליקע שפּראך. אָ, דערפאר אליין שעץ איך דיך אזוי הויך,
אז איך האָב מוירע, איך בין נישט ווערט דײַן נאָמען צו דער⸗
מאָנען! איך קוק אף דײַן פּאָרטרעט און זאָג זיך אליין: אָט
דאָס איז זי, די עמעסע ייִדישע טאָכטער! אָט דאָס א... מײַן
אידעאל און פאר דיר בין איך גרייט אלע מינוט זיך מאקרי
זײַן מיט מײַן גאנצן לעבן! דו פרעגסט מיך, וואָס זאָלסטו
לייענען? איך שיק דיר דאָ א גאנץ צעטל פון די בעסטע רו⸗
סישע און אויסלענדישע קלאסיקער, ווי גאָגאָל, טורגעניעוו,
טאָלסטאָי, דאָסטאָיעווסקי, פּושקין, לערמאָנטאָוו, שעקספּיר,
געטע, שילער, היינע, בערנע. איך האָף, אז דו וועסט געווים
האנאָע האָבן. און שרײַב מיר באלד ענטפער, וואָרעם דער
טאָג, וואָס איך האָב פון דיר א בריוו, איז בא מיר א יאָמ⸗
טעוו. לעב וויל, מײַן טײַערע! לעב וויל, מײַן געטרײַע! ווי
עס ווינטשט דיר פון טיפן הארצן
דײַן דיך ליבנדער און איבערגעגעבענער כאָסן...

האָט זי מיר דערויף אזוי געענטפערט:

מײַן קרוין, מײַן שאץ, מײַן טרייסט, מײַן הארץ!

איך פארשטיי ניט, וואָס דו ביסט אזוי ניספּאָעל געוואָרן פון
א פּאָר לאָשן⸗קוידעש⸗ווערטער, וואָס דו האָסט באגעגנט אין
מײַנע בריוו! לאָשן⸗קוידעש—דאָס איז דאָך אונדזער נאציאָנאל⸗
שפּראך, דאָס כומעש—דאָס איז דאָך אונדזער איינציקער נא⸗
ציאָנאל⸗פאָנד, אונדזער גאנץ פארמעגן! וואָס פאר א דאנק פאר⸗
דינט א ייִדישע טאָכטער דערפאר, וואָס זי פארשטייט ייִדיש?
שעמען באדארף זיך א ייִדישע טאָכטער, אויב זי ווייסט ניט
כאָטש עטלעכע שירים פון יעהודע⸗האלייווי אוים⸗

ווייניק; א כאַרפּע און א בושע באַדאַרף זײַן אונדז אַלעמען, אַז אַ ייִדיש מיידל, וואָס האָט דורכגעמאַכט אַ גימנאַזיע, ווייסט ניט ווער איז מאַפּו, לעווינזאָן, סמאָלענסקין, גאָרדאָן אוקעדוימטע אונדזערע אייגענע קלאַסיקער!.. פאַר דײַן צעטל דאַנק איך דיר פיל מאָל. עס טוט מיר באַנק, וואָס איך האָב די אַלע קלאַסיקער, וואָס דו האָסט מיר אויסגערעכנט, שוין לאַנג דורכגעלייענט אינאיינעם מיט נאָך באַרימטע שרײַבערס און פּאָעטן, ווי, למשל: בײַראָן, סוויפט, סערוואַנטעס, דיקענס, טעקערי, שעלי, באַלזאַק, דאָדע, הוגאָ, סענקעוויטש, אָרזשעשקאָ און נאָך און נאָך אַ סאַך אַנדערע. איך האָב געוואָלט עפּעס נײַס, עפּעס אַ פרישע זאַך אַף צו לייענען, און ניט קיין ראָמאַן, נאָר אַן ערנסט וואָרט.

פאַרבלײַב געזונט, מײַן ליבער און מײַן זיסער, און שאַץ מיך ניט צו הויך, וואָרעם וואָס צו איז איבעריק; איך בין אַ גאַנץ געוויינלעכע ייִדישע טאָכטער, וואָס איז דיר איבערגעגעבן מיט לײַב־און־לעבן.

דײַן געטרײַע קאַלע...

האָב איך איר דערויף געענטפערט...

נאָר טאָמער וואָלט געוועזן גענוג שוין צו ברענגען בריוו פון כאָסנס צאַד סײַ פון קאַלעס צאַד? איך האָב מורא, עס וועט אויסקומען ניט קיין ראָמאַן, נאָר אַ בריוונשטעלער. איך דאַרף דאָ זאָגן נאָר איין זאַך: די דאָזיקע בריוו ליגן נאָך אַד־היאָם בײַ מיר אין טישקעסטל באַהאַלטן, פאַרוקט העט־ווײַט אין אַ ווינקעלע. קיין בן־אָדם האָט זיי נישט אָנגעקוקט. זיי זײַנען בײַ מיר טײַער, ווי אַלטע־אַלטע קמעות, שטילע אײדעס פון מײַנע ערשטע פריידן און ליידן. זיי זײַנען אויסגעטריקנטע אָפּגעבליאַקעוועטע בלומען אַפן קייווער פון מײַן ערשטער ליבע, פון מײַן ערשטן ראָמאַן.

דאָס אכטע קאַפּיטל

(איך באָד זיך אין ליגן און גלי ווי אַפּ פּאָקן)

דער מענטש, וואָס איז פאַרליבט, קאָן מען דאָס איבער־לייענען בא אים אפּן פּאָנעם, ארויסזוען נאָך דער נאָז; מע באדארף זיך נאָר רעכט צוקוקן צו אים, ווי די אויגן בלאָנדזען בא אים ארום, ווי ער שמייכלט עפּעס מאָדנע, ווי ער ענט־פערט נישט צו דער זאַך, ווי ער קוקט אלע מינוט אין שפּיגל, בייט אלע טאָג דאָס האלדזטיכל, און אז ער גייט, טאנצט ער, און איז א גוטערפרייַנט דער גאנצער וועלט — ער זאָל זיך ניט שעמען פאר לייַטן, וואָלט ער זיך צעקושט מיטן קוי־מענקערער...

נאָר מיר איז אָבער ניט געוועזן, ווער עס זאָל נאָכקוקן. עמעס, א פּאָר מאָל האָט מיך מייַן טאלמיד א פרעג געטאָן, בעשאס מיר האָבן געשפּילט אין „דאמקעס", וואָס בין איך עפּעס אזוי צעטראָגן, וואָס איך שלאָג מייַנע אייגענע ציגלעך? האָב איך מיך געוואונדערט און געפרעגט: „וואָסערע ציגלעך?" אויך מייַן פּרינציפּאַל האָט באַם טיש זיצנדיק מיך א כאַפּ געטאָן, וואָס האָב איך אזא שלעכטן פּאָנעם? האָט אים די באַ־לעבאָסטע מיט די שליסלען א זאָג געטאָן (קלוימערשט מיט א ראכמאָנעס־פּאָנעם, און אין הארצן איז איר צוגעקומען א שטיק געזונט), אז פון א צייַט, אז דער לערער עסט גאָרניט!..

— וואָס איז די מייַסע? — האָט מיך דער פּרינציפּאַל א פרעג געטאָן און האָט אליין געענטפערט פאר מיר: — ס'איז פון צופיל ארבעטן, פון צופיל לערנען; גאנצע טעג זיצט איר פארשפּארט אינצווייען און לערנט. גייט זיך אמאָל דורכ!..

— ווען האָבן מיר צייַט גיין, אז מיר האָבן אזויפיל אר־בעט? — האָט זיך ארייַנגעמישט מייַן טאלמיד אזוי טאמע־

וואטע־נאַיוו, אז עס האָט זיך מיר געגלוסט אים אָנשפּײַען אין פּאָנעם און אויסשרײַען אפּ א קאָל:

— גוואלד, גוואלד, יידישע קינדער, וואָס פאר ליגנערס איר זײַט! א ליגנער אפּ א ליגנער, איין ליגנער גרעסער פונעם אנדערן!..

איך האָב דאָס אָבער ניט געזאָגט; אָנשטאָט דעם, וואָס איך זאָל זאָגן דעם עמעס, האָב איך בעסער געזאָגט א ליגן.

— איך האָב מיך פארבענקט אהיים...

— נישקאָשע, ער מעג בענקען! — האָט מיר מײַן פּרינציפּאל אונטערגעהאָלפן דעם ליגן מיטן גאנצן קויעך פון זײַן רײַכער פאנטאזיע. — ער האָט נאָך וועמען צו בענקען; זייער מישפּאָכע איז די ערשטע, די איינציקע מישפּאָכע, ניט נאָר בא זיי אין שטאָט — מע קאָן זאָגן, אז אין גאנצן קאנט געפינט מען ניט אזא מישפּאָכע. דער קאָוונער ראָוו איז, דאכט זיך, אײַערער אן אייגענער געוועזן?

— א פעטער. — זאָג איך אומפארשעמט.

— און דער פּאָרעצער מאגיד איז, דאכט זיך, אויך געוועזן אײַערער א פעטער?

— אן עלטערפעטער. — זאָג איך.

— און עפשטיין, דער גרויסער עפשטיין — וואָס קער זיך מיט אײַך אָן?

— א שייני שעבעשלישי. — זאָג איך.

— און רעב מוישעלע האלפערין איז, דאכט זיך, אויך אײַערס א פרײַנטל...

— פון דער מאמעס צאד. — זאָג איך.

— נו, און די טאָלטשינער — זאָגט ער — די טאָלטשינער גווירים, האָב איך געהערט, זײַנען אײַך גאָר נאָענטע קרויווים, דאכט זיך?

— שוועסטערקינדער — זאָג איך — פון דער מאַמעס צאַד, איינגענע שוועסטערקינדער.

און איך בין העכסט צופרידן, נישט אַזוי מיט מײַנע נײַ-געבאָרענע קרויווים, ווי מיט דעם, וואָס איך קאָן מיר זײַן רויק, וואָס איך קאָן מיר בלײַבן אליין מיט מײַנע זיסע כאַלוימעס, מיט מײַנע הייליקע געפילן און מיט די ליבע, זיסע, טײַערע בריוולעך פון מײַן טאַלמידים קאַלע, וואָס זײַנען בא מיר טײַערער פון אַלע מײַנע אויסגעטראַכטע און עמעסע פרײַנט, פון אַלע מײַנע ווײַטע און נאָענטע קרויווים.

אָט וואָס זי שרײַבט מיר אין איינעם פון אירע ווײַטערע בריוו:

מײַן איינציקע טרייסט! מײַן מאַלעך פון הימל!

וואָס זאָל דאָס באַדײַטן, וואָס דו ביסט אַזוי טרויעריק? פאַרוואָס זענען אויס דײַנע לעצטע בריוו אַזוי מעלאַנכאָליש? לעמײַ רעדסטו פונעם טויט? וואָס באַדײַטן דײַנע רעטע-נישן, וואָס דו לייגסט מיר פאָר? פאַרוואָס זאָגסטו אָפּ זיך, אַז דו ביסט דער אומגליקלעכסטער פון אַלע אומגליקלעכע? לעמײַ זאָלסטו מיר אָנטאָן אַזויפיל יעסורים? פאַרוואָס זאָלסטו מיר ניט אַנטפּלעקן יענעם גרויסן סאָד, וואָס דו טראָגסט באַ-האַלטן? וואָס פאַר סוידעס קאָנען בא דיר זײַן פאַר דער, וואָס האָט אַזוי ליב נאָר דיך און ווײַטער קיינעם ניט, און וואָס קוקט שוין אַרויס, ציילט שוין די טעג פון אונדזער גיכן גליקלעכן פאַרבינדן זיך אָפּ אייביק!..

דערויף איז אַוועקגעגאַנגען פון כאָסנס צאַד אַזאַ מין טשוווע:

מײַן הייליקע נעשאָמע, מײַן שוואַרצאַפּל פונעם אויג! מײַן גאָטהײַט! איך בעט דיך, זײַ מיר מויכל מײַנע לעצטע בריוו! פאַרגעס, וואָס איך האָב דיר געשריבן! דו ביסט גע-

רעכט, מײַן טײַערע, דו ביסט גערעכט. איך טאָר מיך נישט באקלאָגן, איך טאָר מיך נישט אָנרופן מיט דעם נאָמען „אומגליקלעכער". אומגליקלעך איז דער, וואָס האָט קיינמאָל נישט ליב געהאט, וואָס איז קיינמאָל נישט געווען געליבט!.. איך זאָג דיר נאָכאמאָל, אז פאר מיר איז גענוג דײַנע בריוו אליין, פאר מיר איז גענוג, איך זאָל דערלעבן נאָר איין קוק טאָן אף דיר — און שטארבן... נאָר ניין, איך האָב זיך גע- געבן דאָס וואָרט, איך זאָל מער ניט ריידן פונעם טויט! דו ווילסט וויסן יענעם גרויסן סאָד? אוי, ניין, דו וועסט אים ניט וויסן ביז עס וועט קומען די גליקלעכע (אָדער די אומ- גליקלעכע) שעה פון זען זיך פאר דער כופּע; דעמלט וועסטו געוואָר ווערן פון אלצדינג... דערווײַל זײַ מיר געזונט, מײַן טײַערע, מײַן הייליקע, און שרײַב מיר, שרײַב מיר!

דײַן אומגליקלעכער גליקלעכער, אָדער דײַן גליק- לעכער אומגליקלעכער, וואָס וואָלט א באלן געווען, די צײַט זאָל זיך ציִען און ציִען... אייביק און אייביק...

. . . .

דאָס נײַנטע קאפּיטל

(דאָס גרייטן זיך צו דער כאסענע און מײַנע נארישע כאלוימעס)

דער וואָס איז אמאָל אליין געווען פארליבט כאָטש א דריטבייילעק פון דעם וואָס איך — דער וועט פארשטיין מײַן הארץ, בעשאס ס'איז געקומען די גליקלעכע אָדער די אומגליקלעכע צײַט פון אונדזער גרייטן זיך צו דער כאסענע; און דער וואָס האָט געלייענט מיט קאָפּ די פריִערדיקע קאַ- פּיטלעך — דער וועט פארשטיין מײַן הארץ, בעשאס מע-

האָט אָנגעמאָפּטן מײַן טאַלמיד די כאַפּענע־מאַלבושים, וואָס מע האָט אים געניײט דרײַ וואָכן קעסיידער. כיבעט־האַקיוווער איז גאָרניט אקעגן מײַנע שמערצן; דער גענעם — איז אַ גאַניידן אקעגן מײַנע גרויסן, גרויסן ווייטעק.

איר רעכנט מיסטאָמע: קינע, סינע? כאַלילע! איך האָב געוווּסט גאַנץ גוט, אַז ליב האָט מען ניט מײַן טאַלמיד, נאָר מיך — מיך, דעם עמעסן מעכאַבער פֿון די בריוו. איך האָב געוווּסט גאַנץ גוט, אַז בעשאַס זען זיך וועל איך איר באַ־דאַרפֿן נאָר אָנטפּלעקן דעם סאָד, יענעם הייליקן סאָד, זאָגן נאָר איין וואָרט, וועט זי מיך פֿאַרשטיין, און עס וועט אַלצ־דינג זײַן רעכט. נאָר ווי־אַזוי טוט מען דאָס אָפּ? ווי־אַזוי מאַכט מען, אַז איך זאָל קאָנען מיט איר ריידן אונטער פֿיר אויגן כאָטש עטלעכע מינוט? איך האָב מיר געבראָכן דערויף דעם קאָפּ, געבויט זיבעצן טויזנט פּלאַנען, איינער ערגער פֿונעם אַנדערן, און זיבעציק טויזנט פֿאַנטאַזיעס, איינע נאַרישער פֿון דער אַנדערער. איך בין זיך מוידע־אוימיסוואַדע, אַז עס זײַנען מיר געקראָכן אין קאָפּ אַזעלכע מיִעסע מאַכשאָוועס, וואָס איך שעם זיך זיי איבערגעבן אַפֿ פּאַפּיר, כאָטש ס׳איז שוין אוועקגעגאַנגען פֿון דעמלט אָן אַ היפּשע שטיק צײַט. מיינט נישט, כאַלילע, אַז איך האָב געוואָלט אומברענגען מײַן קאָנקורענט, סאַמע דעם טאַלמיד מײַנעם! לאָז גאָט אָפּהיטן אַלע ייִדישע קינדער פֿון אַזעלכע מיִעסע מאַכשאָוועס! איך האָב נאָר געבעטן גאָט, ער זאָל אַזוי עפּעס טאָן אַ נעס, אַז מײַן טאַלמיד זאָל פֿון זיך אַליין ווערן קראַנק, זיך אוועקלייגן און אָפּטראָגן זיך אַפֿ יענער וועלט, אָפּרייניקן מיר דעם אָרט...

איך בין זיך מוידע־אוימיסוואַדע, אַז איך האָב געטראַכט פֿון דעם טאָג מיט נאַכט, ארויסגעקוקט, אַז מײַן טאַלמיד זאָל כאַפּן ערגעץ אַ פֿאַרקילונג, זיך דערשוויצן און כאַפּן אַ ווינטל,

אָנהייבן הוסטן, אָדער ליגן אַפּ א היציקער שלאפקייט, אָדער אויסגליטשן זיך אפן גלייַכן וועג, זיך ברעכן האלדז־און־נאקן, אָדער אומגערן כאפּן פון עמעצן א שטיין אין קאָפּ אריין, אָדער א מעשוגענער הונט זאָל אים באפאלן, און ער זאָל אראָפּ פונעם זינען, אָדער א שטורעם־ווינט זאָל אויסרייַסן א בוים מיטן וואָרצל און אומוואלגערן גלייַך אַפּ אים, אָדער אן אַנדער נעס זאָל געשען, — אבי ער זאָל מיר אָפּרייניקן דעם פּלאץ.

און בעשאַס־מייַסע האָט מיר געקלעמט דאָס הארץ, ווי געטאָן אַפּ אים. נעבעך אן אומשולדיקער נעפעש — פאר וואָס קומט דאָס אים? פאר וואָס זאָל ער גיין אזוי יונג פון דער וועלט? און אין הארצן האָב איך אים שוין באוויינט, בעעמעס באוויינט, אָנגעשריבן אַפּ אים א קלאָג־בריוו צו מייַן געליבטער און צו מייַן טייַערער, אויסגעלאָזט מיט זייער א טרויעריק ליד. אינעם ליד באוויין איך און באקלאָג גאנץ ערנסט מייַן יונגן טאלמיד, וואָס איז אוועק נעבעך פאר דער צייַט; די וועלט האָב איך געגליכן צו א בעסוילעם און אים צו א יונגן בוים. אפן בוים —

שטייט און קלאָגט, אוי ווי,
דער בעסוילעם־סאָלאָוויי,
און די שטערן גיסן טרערן...
וואָס ווייַטער שטייט — געדענק איך ניט.

און ווידער כאָלעמט זיך מיר אין דער פאנטאזיע, אז ס'איז שוין אוועקגעגאנגען א יאָר נאָך זייַן טויט, און מיר ביידע, איך און מייַן געליבטע, זייַנען געקומען צו אים אַפּ „קייווער־אָווֹס" א ביסל זיך אויסוויינען, אים געבראַכט א מאַטאָנע פרישע שמעקנדיקע בלומען מיט א ליד, וואָס לאָזט זיך אויס אזוי:

אפ דײַנע קײוועր די בלומען זאָלן בליִען,
אין גאַנײדן דײַן נעשאָמע זאָל רוען!..

אַז בלומען אַפ אַ קײווער זאָלן בליִען — דאָס איז עפּעס ניט אַזוי מעגלעך; נאָר אַז מײַן טאַלמיד האָט געבליט, גע־בליט, ווי אַ רויז — דאָס איז געוויס. ער איז געוואָרן וואָס אַ טאָג געזינטער, דאָס פּאָנעמל ליכטיקער, דאָס קלאָר־ווײַסע לײַב פאַרוואַקסן מיט שמאַלץ, און איז געווען צופרידן, פריי־לעך, לעבעדיק און גליקלעך — גליקלעך נישט פון ליבע נאָר פון דעם, וואָס ער פאָרט אַריבער אין אַ נײַ אָרט, אין אַ גרויסער שטאָט, צווישן נײַע מענטשן, און וועט נישט אָנ־קוקן מער זײַנע אײגענע, וואָס האָבן זיך אים צוגעגעסן, גע־ווען נימעס ווי דער טויט.

אַזוי האָט ער זיך מיר אַלײן מודע געווען ניט אײן מאָל, כאָטש אין די אויגן האָט ער זײ נאָכגעגעבן, אַז ער וועט שטאַרק־שטאַרק בענקען נאָך זײ, אַז ער ווײסט גאָר ניט, ווי אַזוי ער וועט דאָס גאָר איבערטראָגן אַפילע.

— אָבער נאָך מיר וועסטו בענקען? — האָב איך אַ פרעג געטאָן מײַן טאַלמיד.

— געוויס! געוויס! — האָט ער מיר געענטפערט און האָט מיך אַרומגענומען גאָר פרײַנטלעך. — דיך וועל איך נעמען מיט זיך! מיר וועלן דאָרטן לעבן אַ גוטן טאָג. מיר וועלן שפּילן אין „דאַמקעס“, גײן אין טעאַטער, איך וועל דיך ניט אָפּלאָזן פון זיך קײנמאָל, קײנמאָל ניט!

איך האָב געוווּסט, אַז ס׳איז אַ גרויסער ליגן.

געבאָרן, אויפגעוואַקסן און אויפגעצויגן געוואָרן אַפ שאָוו־וועשעקער, האָט ער דאָ אויך געזאָגט אַ ליגן.

דאָס צענטע קאַפּיטל

(באַרוך־האַבאַ — געסט)

איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן דאָס אופנעמען מיטן קאָוועד, וואָס מע האָט אונדז אָפּגעגעבן, אַז מיר זײַנען גע־קומען אַפּ דער כּאַסענע. קוידעמקאָל האָט מען אונדז אַרויס־געשיקט אַ גרויסאַרטיקע קאַרעטע צום וואָקזאַל, און מע האָט אונדז פאַרפירט אין זייער אַ שיינער שטוב, אָפּגעגעבן איט־לעכן באַזונדער אַן אַנדער כיידער און מעכאַבעד געווען מיט דער גוטער קאַווע מיט פּוטערגעבעקס, און נאָכדעם כּימען שיינעם אָנבײַסן, פרישע פּײַנקוכנס מיט געבראָטענע קאַטש־קעס, און מענטשן—מענטשן ווי מיסט זײַנען געקומען אונדז בעקאַבל־פּאָנעם זײַן, אָפּגעגעבן שאָלעם, אַלעמאָל נײַע פאַרשוינען.

בא מיר האָבן דאָ אַלע מענטשן אויסגעזען ווי מוראַש־קעס, געשעמערירט אין די אויגן, געזשומעט ווי די פליגן. איך בין געווען פאַרנומען מיט מײַנע אייגענע מאַכשאָוועס, מיט מײַנע זייער ניט פריילעכע געדאַנקען: „וויִאַזוי מאַכט מען דאָ, איך זאָל זיך קאָנען מיט איר זען? מי־יעדייע, צי עס וועט מיר געראָטן? און וואָס וועט זײַן, אַז זי וועט געוואָר ווערן פונעם הייליקן סאָד? און טאָמער כאָלילע־וועכאַס...״ איך האָב נאָך מוירע זאָגן וואָס... אַ שרעק! אַ שרעק!..

אין קעשענע איז בא מיר געווען, נאָך פון דער היים אַרויספאָרנדיק, צוגעגרייט... שרעקט זיך נישט — ניט קיין פּיסטאָלעט, כאָלילע, נאָר אַ בריוו צו „איר״, אַ בריוו אַפּ דרײַ בויגן פּאַפּיר, באַשריבן מײַן ראָמאַן, וויִאַזוי ער האָט זיך אָנגעהויבן, און מײַן ביִאָגראַפיע אינקורצן. נאָר וויִאַזוי גיט מען איר איבער דעם בריוו? דורך ווען? און ווען וועט זי צײַט האָבן אים איבערלייענען?

און די מעכוטאָנים מיט די מעכוטענעסטעס פון קאַלעס צאַד לויפן אַרום הין און צוריק, ווי די פאַרסאַמטע מײַז, טרײַבן די סאַרווערס, זיי זאָלן זיך גרייטן צו דער כופּע־וועטשערע, און טרײַבן די שאַמאָסים, זיי זאָלן ברענגען די קלעזמער מיטן ראָוו, מע זאָל שטעלן די כופּע וואָס פריִער, וואָרעם כאָסן־קאַלע פאַסטן.

אַז דער כאָסן האָט ניט געפאַסט — בין איך אַן איידעס; ער האָט בא מיר אין כיידער זייער פײַן איבערגעביסן מיט אַ האַלבער קאַטשקע, און געזאָגט האָט ער, אַז ער פאַסט, בעריִיש אָנגעצויגן אַף זיך אַ פּאָנעם פון אַ כאָסן, וואָס פאַסט און וואָס דער קאָפּ איז אים פאַרטיפט אין זייער ערנסטע מאַכשאָוועס.

געבאָרן, אויפגעוואַקסן און אויפגעצויגן געוואָרן אַף שאָוו־וועשעקער, האָט ער דעם טאָג פון דער כופּע אויך געזאָגט אַ ליגן.

און דערווײַל זײַנען אָנגעקומען די קלעזמער, און מע האָט זיך אָנגעהויבן גרייטן צום באַדעקנס. ס'איז געוואָרן נאָך אַ גרעסערער טומל, ווי פריִער; אַלע האָבן גערעדט, אַלע האָבן זיך געכאַפּט, אַלע האָבן זיך געמאַכט, גלײַך ווי מע טוט עפּעס — „גיכער, גיכער! לאָז מען גיין! קומט־קומט!"...

און מע האָט אונדז גענומען — ווער ווייס איך ניט; און מע האָט אונדז געפירט אונטער די הענט — וווּהין ווייס איך ניט; און מע האָט צו אונדז עפּעס גערעדט, עפּעס געזאָגט — וואָס ווייס איך ניט. מיר האָט זיך געדרייט דער קאָפּ, געשמעריִרט אין די אויגן, געזשומעט אין די אויערן, און דאָס האַרץ, דאָס האַרץ — טיק־טאַק! טיק־טאַק!

די קלעזמער האָבן געשפּילט. עס האָט געוויינט אַ פידל, עס האָט געטערעלייקעט אַ טראָמייט, עס האָט געפײַפט אַ פלייט, עס האָט געבאַראַבאַנעט די קעסל־פּויק — באַם־באַם־באַם! און דאָס האַרץ, דאָס האַרץ — טיק־טאַק! טיק־טאַק!..

דאָס לעצטע קאַפּיטל

(דער „עפּילאָג” פֿונעם ראָמאַן)

צווישן אַלע פֿאַרשווינען, וואָס האָבן זיך אַרומגעדרייט און געשעמערירט פֿאַר מײַנע אויגן, האָב איך באַמערקט איינעם, וואָס האָט זיך אַרומגעדרייט גלײַך מיט מיר, ווי אַ ווילד־פֿרעמדער. דאָס איז געווען אַ יונגערמאַן מיט ברילן און מיט לאַנגע האָר, וואָס האָט געהאַט אַף זיך נאָר איין אַרבעט; זײַן אַרבעט איז געווען — אַף אַלצדינג קוקן און אַלצדינג זען, און ווי עס האָט אויסגעוויזן, האָט ער די אַרבעט געטאָן גאַנץ געשמאַק: ער האָט געהאַלטן אין איין קוקן.

אַז זײַנע ברילן האָבן זיך אָפּגעשטעלט אַף מיר, האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז ער זעט מיך דורך און דורך, אַז ער זעט מײַן האַרץ, אַז ער זעט מײַן סאָד, מײַן הייליקן, הייליקן סאָד, און איך האָב אַראָפּגעלאָזט די אויגן. איך האָב אָבער דערפֿילט אַף זיך די ברילן; איך האָב געפֿילט, אַז ער הערט ניט אויף אַף מיר צו קוקן, און איך האָב ניט ווילנדיק אויפֿגעהויבן די אויגן און האָב זיך ווידער באַגעגנט מיט זײַנע ברילן, וואָס האָבן געקוקט מיר אינווייניק אין האַרצן אַרײַן און געצויגן מיך צו זיך, ווי אַ מאַגנעט.

איך ווייס ניט, וויִאַזוי דאָס איז געוואָרן, נאָר איך און דער יונגערמאַן מיט די ברילן זײַנען געשטאַנען נאָענט איינער נעבן דעם אַנדערן און האָבן גערעדט, געוויינלעך פֿון דער כאַסענע, פֿונעם באַדעקנס און פֿון כאָסן־קאַלע.

דעם כאָסן האָבן ביידע מעכוטאָנים צוגעפֿירט אונטער די הענט צו דער קאַלע, און די קאַלע איז געזעסן אינמיטן שטוב אַף אַ בענקל מיט צעלאָזטע האָר. דאָס פּאָנעם פֿאַרשטעלט מיט ביידע הענט — אַפּאָנעם, זי האָט געוויינט. די

קלעזמער האָבן געשפּילט. עס האָט געוויינט א פידל, עס האָט געטערעלייקעט א טראָמייט, עס האָט געפּייַפט א פלייט, עס האָט געבאַראַבאַנעט די קעסל־פּויק — באַם־באַם־באַם! און דאָס האַרץ — טיק־טאַק! טיק־טאַק!

„אָט־אָט — האָב איך מיר געטראַכט — אָט־אָט, נאָך א מינוט, נאָך א מינוט — און אַלץ איז פאַרפאַלן!“...

— א טעלעצע! — רופט זיך אָן צו מיר פּלוצעם דער יונגערמאַן מיט די ברילן גלײַך אין די אויערן אַרײַן.

— וווּ איז א טעלעצע? — פרעג איך אים און קוק זיך אַרום אויף אַלע זײַטן.

— אָט זיצט זי דאָך! — מאַכט ער צו מיר און באַווײַזט מיר מיט די ברילן אויף דער קאַלע.

ער האָט דערזען נאָך מײַן פּאָנעם, אַז איך בין שטאַרק פאַרכידעשט, מאַכט ער צו מיר שטילערהייט אויפן אויער:

— א קאַלב, א בעהיימע, א גלאָטע, א קאָשערע בעהיימע! קיין ציילעם פאַר קיין אַלעף, און א מאַרשאַס דערצו! און נעמט אַזאַ פּײַנעם כאָסן! איר זעט, דאַכט זיך, זײַן לערער?

איך ווייס ניט, צי ער האָט מיך אָוועקגערופן, צי איך האָב אים אָוועקגערופן, צי מיר האָבן זיך ביידע אָוועקגערופן אויף א זײַט, נאָר אין צוויי מינוט אַרום זײַנען מיר געזעסן איינער אַנקעגן דעם אַנדערן, ווי אַלטע באַקאַנטע, און דער יונגערמאַן מיט די ברילן — ער איז געווען דער קאַלעס א לערער — האָט מיר איבערגעגעבן אויף איר אַזעלכע זאַכן, וואָס עס וואָלט געווען גלײַכער און געזינטער פאַר מיר, איך זאָל דאָס בעסער ניט וויסן...

— סטײַטש, און אירע בריוו? — האָב איך אויסגעשריגן. — אום גאָטעס ווילן, אירע בריוו?!

דערהערט די דאָזיקע ווערטער, האָט דער יונגערמאַן מיט

די ברילנ זיכ געכאַפּט פאַרנ הארצנ אונ האָט אָנגעהויבנ צו לאַכנ אונ צו קאַטשענ זיכ פאַר געלעכטער.

— אירע בריוו? כאַ־כאַ־כאַ! אירע בריוו! אוי, איכ וועל דאָס נישט אויסהאַלטנ — א י ר ע בריוו!

— וועמענס דענ בריוו זײַנענ דאָס?

— אירע? כאַ־כאַ־כאַ! אירע בריוו? מײַנע! כאַ־כאַ־כאַ, מײַנע בריוו! מײַנע! מײַנע!! מײַנע!!!

איכ האָב געמיינט, אַז דער יונגערמאַנ איז נאָר אראָפּ פונ זינענ אונ ער וועט דעמ שלאַג באַקומענ. ער האָט מיכ געכאַפּט פאַר ביידע הענט, מיכ גענומענ דרייענ איבערנ שטוב, מיכ געשלאָגנ אינ די פּלייצעס אונ ניט אויפגעהערט צו לאַכנ:

— אירע, כאַ־כאַ־כאַ! אירע בריוו!??

עס האָט זיכ מיר אײַנגעדאַכט ווענ געכאָלעמט א זיסער כאָלעמ: א פּאַלאַצ א שיינער, גוטע מײַכאָלימ, די בעסטע ווײַנענ, פרישע פּיירעס, נאָרוואָס פונעמ בוימ, א רייעכ פונ בסאָמימ, א גאַ־ניידנ... אונ איינע עפּעס א „זי“ אינעמ געשטאַלט פונ א פּרינצעסנ מיט גילדענע באַזילבערטע האָר... אונ איר שוועבט, ניט איר גייט, אונ איר פליט־פליט אַלצ העכער־העכער, גלײַכ אינ הימל ארײַנ... פּלוצעמ הערט איר א פּײַפּנ, וואָס גייט פונ א וואַלד ארויס — פּי־יו־יט! אונ א פּאַטש פונ פליגלענ אונ א מעשונע־מאָדנע געלעכטער „כאַ־כאַ“, וואָס צעטראָגט זיכ איבערנ גאַנצנ וואַלד אונ לאָזט זיכ אויס מיט א לאַנגנ גענעצ — אאאַײַ!!! פאַר אײַערע אויגנ איז א טיפער אָפּגרונט, אָט־אָט פאַלט איר אראָפּ. איר טוט א ציטער אונ כאַפּט זיכ אויף מיט א קאָפּווייטעק אונ קאָנט לאַנג נישט קומענ צו זיכ...

דעמ דאָזיקנ זיסנ כאָלעמ האָב איכ איבערגעלעבט אינ דער מינוט, וואָס דער יונגערמאַנ מיט די ברילנ איז געשטאַ־

—אירע? כא־כא־כא אירע ברידוו?

נען איבער מיר און האָט ניט אופגעהערט צו לאכן פון מײַנע בריוו און אויסרעכענען די מײַלעס פון מײַן געליבטע... ער האָט געלאכט, און מיר האָט זיך געטריפט בלוט, א טראָפּן נאָך א טראָפּן, און געפאלן אף מײַן פארווונדעט הארץ, אף מײַן פארסאמטע נעשאָמע.

און דאָרט אין זאל האָבן געשפילט די קלעזמער. די פידל האָט געוויינט, די טרומייט האָט געטערעלייקעט, די פלייט האָט געפײַפט, דער באס האָט געברומט, די קעסל־פּויק האָט געבאראבאנעט — באמ! באמ! און דאָס הארצ — דאָס הארצ איז מיר געווענ פוסט און ליידיק, אף דער נעשאָמע וויסט און פינצטער, כווישעך, כווישעך אין אלע ווינקעלעך.

עסטער

נישט קיינ מײַסע פֿונעמ כיידער, נישט פֿונעמ רעבנ אונ נישט פֿונ דער רעבעצנ ווײַל איכ אײַכ דערציילנ אָט דאָ. איכ האָב אײַכ שוינ פֿונ דעמ גענוג מאָל דערציילט. עפּשער וועט מיר זײַנ דערלויבט איצטיקס מאָל, לעקאָוועד פּורימ, צו דערציילנ אײַכ א מײַסע פֿונ דעמ רעבנס טאָכטער עסטער?

א

אויב עסטער פֿונ דער מעגילע איז געווענ אזא יעפּאסטויאר, ווי די עסטער, וואָס איכ דערצייל אײַכ דאָ, איז קיינ כידעש ניט, וואָס זי האָט אזוי אויסגענומענ באמ קיניג אכאשווײרעש. די עסטער, וואָס איכ דערצייל אײַכ דאָ, האָט אויסגענומענ בא אלעמענ. אלע האָבנ זי ליב געהאט. אלע,

אלע. אפילע איכ, אונ אפילע מײַנ עלטערער ברודער מאָטל אויכ, כאָטש ער איז שוינ לאנג בארמיצווע, אונ מע רעדט אימ שוינ לאנג שידוכימ, אונ ער טראָגט שוינ לאנג א זייגער מיט א קייטל (אויב איכ האָב קיינ טאָעס נישט, האָט זיכ אימ שוינ דעמלט געשיט א בערדל אויכ). אונ אז מײַנ עלטערער ברודער מאָטל האָט זי ליב געהאט — פרעגט מיכ. איכ וועל אײַכ זאָגנ אקוראט. ער מיינט, איכ וויים נישט, אז דאָס, וואָס ער גייט אלע שאבעס באטאָג אינ כיידער ארײַנ קלוימערשט לערנענ פיירעק מיטנ רעבנ, איז א נעכטיקער טאָג. דער רעבע כראָפּעט אפ וואָס די וועלט שטייט. די רעבעצנ שמועסט מיט די ווײַבער אינ דרויסנ אפ דער פריזבע. אונ מיר, כיידער-יינגלעכ, שפּילנ אינ „מעמ-שינ-היי“. אונ מאָטל מיט עסטער קוקנ מיט אויגנ. ער אפ איר אונ זי אפ אימ. אונ אמאָל מאכט זיכ, אז מיר, כיידער-יינגלעכ, שפּילנ גאָר אינ „קוציבאבע“. ווייסט איר, וואָס דאָס הייסט „קוציבאבע“? אָט וועל איכ אײַכ זאָגנ, וואָס דאָס איז. מע נעמט אײַכ, אונ מע פארבינדט אײַכ די אויגנ מיט א פאטשיילע, מע שטעלט אײַכ אוועק אינמיטנ שטוב, אונ אלע דרייענ זיכ ארומ אײַכ, אונ מע זאָגט אײַכ: „גער-גער-גער, כאפּ מיכ!“

מאָטל אונ עסטער שפּילנ אויכ מיט אונדז. „קוציבאבע“, זאָגנ זיי, געפעלט זיי. איכ וויים, פארוואָס סע געפעלט זיי. וואָרעמ אז זיי שפּילנ מיט אונדז אינ „קוציבאבע“, האלטנ זיי אינ איינ יאָגנ זיכ, אינ איינ כאפּנ זיכ. ער זי, אונ זי אימ.

אונ נאָכ א סאכ סימאָנימ האָב איכ, וואָס איכ וואָלט אײַכ געקאָנט דערציילנ אונ דערציילנ. נאָר איכ בינ נישט אזעל-כער...

איינמאָל האָב איכ זיי געכאפּט, ווי זיי האָבנ זיכ געהאלטנ בא די הענט. ער זי, אונ זי אימ. דאפקע נישט שאבעס. דאפּ-

קע אין א וואָכעדיקן טאָג. פארנאכטלעכ איז דאָס געווען. ביינ־מינכע־לעמײַרעוו. ער איז קלוימערשט געגאנגען אין שול אַרײַן, פארבלאָנדזעט צו אונדז אינ כיידער. „ווו איז דער רעבע?" — „דער רעבע איז נישטאָ". און ער גייט און גיט איר די האנט. עסטערן הייסט עס. שטיי איך און קוק. נעמט זי צו איר האנט. גיט ער מיר א גראָשן, איך זאָל קיינעם נישט דערציילן. זאָג איך — צוויי. גיט ער מיר צוויי. זאָג איך — דריי. גיט ער מיר דריי. איר מיינט וואָס? ווען איך זאָל זאָגן פיר, וואָלט ער מיר געגעבן פיר. און פינפ, און זעקס? נאָר איך בין נישט אזעלכער...

נאָכ איין מאָל האָט זיך געטראָפן א מײַסע... נאָר געוווינ… מײַסעס. לאָמיך אײַך בעסער דערציילן די רעכטע מײַסע, וואָס כ'האָב אײַך צוגעזאָגט.

ב

מײַן ברודער מאָטל, ווי כ'האָב אײַך געזאָגט, איז שוין א גרויסער. אינ כיידער ארײַן לערנען גייט ער שוין מער נישט. אין דער היים לערנען וויל ער אויכ נישט. רופט אים דעריבער דער טאטע „פערע־אָדאָם". קיין אנדער נאָמען האָט ער נישט פאר אים, נאָר „פערע־אָדאָם". וויל דאָס די מאמע נישט לײַדן. „וואָס פאר א טנוע, א באָכער צו לײַטן, שוין באלד א כאָסן, רופן „פערע־אָדאָם"?" זאָגט דער טאטע: „אז ער איז פאָרט א פערע־אָדאָם!" קריגן זיי זיכ. איך ווייס נישט, וויאזוי אַנדערע טאטע־מאמעס. מײַנע טאטע־מאמע האלטן אין אײַנ קריגן זיכ; טאָג ווי נאכט, טאָג ווי נאכט נאָר מע קריגט זיכ.

איך זאָל אײַכ דערציילן פון מײַן טאטע־מאמע, ווי זיי קריגן זיכ, וואָלט איר זיכ געהאלטן בא די זײַטן. נאָר איך בין נישט אזעלכער...

אקלאל, לערנט שוין מײַן ברודער מאָטל מער נישט אין חדר. פונדעסטוועגן פֿאַרגעסט ער נישט דעם רעבן שיקן אַלע פּורים שאַלאַכ־מאָנעס. פֿאַרט אמאָל געווען א טאַלמיד. שיקט ער אים א שיינעם שיר, אף לאָשן־קוידעש געשריבן, מיט א מאָגן־דאָוויד אויסגעמאָלט, מיט צוויי פֿאַפּירענע קערב־לעך א מאַטאָנע. מיט וועמען שיקט מען א רעבן אזא מין שאַלאַכ־מאָנעס? פֿאַרשטייט זיך, מיט מיר. זאָגט צו מיר מײַן ברודער מאָטל: „נא דיר, טראָג אָפּ דעם רעבן שאַלאַכ־מאָנעס, און אז דו וועסט קומען צוריק, וועל איך דיר געבן צען גראָשן“. צען גראָשן איז טאַקע א מאַטבייע, מע קאָן נישט זאָגן. נאָר וואָס דען? „איך וויל, זאָג איך, די מאַטבייע באַלד“. זאָגט מיר מײַן ברודער, אז איך בין א שייגעץ. זאָג איך: „סע קאָן זײַן, זאָג איך, אז איך בין א שייגעץ, איך וועל זיך מיט דיר נישט קריגן; נאָר איך וויל זיך זען, זאָג איך, מיט געלט“. ווי מיינט איר, ווער האָט אויסגעפֿירט?

באַצאָלט מיר די צוגעזאָגטע צען גראָשן, גיט ער מיר דעם רעבנס שאַלאַכ־מאָנעס, א פֿאַרכאַסמעטע בריוול, און אז איך האַלט שוין באַם אוועקגאַנג, רוקט ער מיר אַרײַן אין האַנט נאָך א בריוול און זאָגט צו מיר שטיל און גיך: „און דאָס וועסטו אָפּגעבן עסטערן“... „עסטערן?“ „עסטערן“... אַן אַנ־דערער אף מײַן אָרט וואָלט זיך שוין הייסן באַצאָלן פֿאַר אזא זאַך צוויי מאָל אזויפֿיל, נאָר איך בין נישט אזעלכער...

ג

„ריבוינע־שעל־אוילעם! — טראַכט איך מיר, גייענדיק מיטן שאַלאַכ־מאָנעס. — וואָס קאָן מײַן ברודער אזעלכס שרײַבן צו מײַן רעבנס טאָכטער? מע דאַרף אומיסטנע א

קוק טאָן. מער נישט נאָר א קוק טאָן. איך וועל דאָך זיי דער-
מיט נישט אָפּבײַסן"... און איך עפן אויף דאָס בריוול וואָס
צו עסטערן, און איך לייען איבער א גאנצע מעגילע. ווערט
איר הערן. איך גיב זי אײַך איבער וואָרט אין וואָרט:

פון מאָרדכען צו עסטערן

„איש — א מענטש, יהודי — א באָכער, היה — איז
געווען, בשושן הבירה — בא אונדז אין שטעטל, ושמו
מרדכי[1] — זײַן נאָמען איז מאָטל. ויהי אומן — ער האָט
ליב געהאט, את הדסה — דאָס האָדעסל, היא אסתר —
דאָס איז עסטער. והנערה — און דאָס מיידל, יפת — איז א
שיינע, תואר[2] — א קראסאוויצע. ותיטב הנערה[3] — און
דאָס מיידל איז אים געפעלן. לא הגידה אסתר — עסטער
זאָגט נישט אוים קיינעם, כי מרדכי — וואָרעם מאָטל,
צוה עליה — האָט איר אָנגעזאָגט, אשר לא תגיד[4] —
זי זאָל נישט אויסזאָגן. ובכל יום ויום — אלע טאָג, מרדכי
מתהלך — גייט מאָטל פארבײַ, לדעת שלום אסתר[5] —
כאפּן א קוק אף עסטערן. ובהגיע תור אסתר —
און אז ס'וועט קומען די צײַט פון עסטערן, בת אביחיל[6] —
זי וועט דארפן כאסענע האָבן, ותלקח אסתר[7] — וועט ער

---

[1] איש יעהודי האיא בעשושאנ האבירא אושמוי מארדכיי·
[2] ווייהי אוימיינ עס האדאסא הי עסטער· וועהאנאארא יעפאס טויאר·
[3] וואטיטאוו האנאארא·
[4] לוי היגידא עסטער· קי מארדכיי ציווא אלעהא אשער לוי סאגידי·
[5] אווועכאל יוומ וואיוומ מארדכיי מיסהאלייכ·
לאדאאס שלוימ עסטער·
[6] 20 אווועהאגוא טויר עסטער באס אווי כאיל·
[7] וואטילאקאכ עסטער·

נעמענ עפּטערנ, וימליכה — אונ ער וועט מיט איר גיינ, תחת ושתי[1] — אונטער דער כופּע".

וואָס זאָגט איר אפ מײַנ ברודער, ווי ער האָט דאָס אויס־געטײַטשט די מעגילע? איכ וואָלט א באַלנ געוועזנ האָרכנ, וואָס וואָלטנ זאָגנ, לעמאָשל, דער רעבע אפ אזא פּיירעש? נאָר ווי קומט די קאַצ איבערנ וואַסער? שאַ! ס'איז דאָ אנ אייצע, ווי איכ בינ א ייִד! איכ וועל איבערדרייענ די יאָצרעס: דעמ רעבנס שיר וועל איכ אוועקגעבנ עסטערנ, אונ עסטערס מע־גילע וועל איכ אוועקגעבנ דעמ רעבנ, — לאָז ער זיכ קוויקנ. אַנײַ, ס'וועט נאָכדעמ ווערנ א כאַסענע? וואָס בינ איכ שול־דיק? טרעפט זיכ דענ נישט, א מענטש האָט אמאָל א טאָעס? לעמײַנ דער בריוונטרעגער פונ דער פּאָסט — מאַכט זיכ דענ נישט, אז ער גיט נישט אָפּ קיינ בריוו? באַ מיר וועט זיכ אזעלכע זאַכנ קיינמאָל נישט טרעפנ. איכ בינ נישט אזעל־כער...

ד

— א גוט־יאָמטעוו, רעבע! — פאַל איכ אַרײַנ אינ כיידער מיטנ אינ אימפּעט, אז דער רעבע טוט זיכ אזש א וואָרפ. — מײַנ ברודער האָט אײַכ געשיקט שאַלאַכ־מאָנעס אונ געווינ־טשעוועט אײַכ, איר זאָלט דערלעבנ איבעראיאָר.

אונ איכ גיי אונ גיב אוועק דעמ רעבנ די מעגילע. מײַנ רעבע עפנט אופ די מעגילע, קוקט אונ טראַכט אונ זוכט אונ דרייט די מעגילע אפ אַלע זײַטנ. אפּאָנעמ, ער זוכט עפּעס נאָכ. „זוכ, זוכ, — טראַכט איכ מיר, — דו וועסט דאָרט עפּעס געפינענ"...

אונ מײַנ רעבע טוט אָנ די זילבערנע בריל, לייענט דורכ די מעגילע אונ — איר זאָלט זאָגנ, ער זאָל זיכ דאָס אפילע

[1] וואַיאַמליכעהאָ טאַכאַס וואַשטי.

פארקרימענ. נאָר א זיפצ געטאָנ, נישט מער. נאָכדעמ מאכט ער צו מיר: „ווארט אויס, אָט וועל איכ דיר אָנשרײַבנ א פּאָר ווערטער“. איכ טו מיכ דערוויַיל א דריי ארומ איבערנ כיידער, נעמ בא דער רעבעצנ א לעקעכל אונ א פלאָדל, אונ ביינע־לעביינע, אז קיינער זעט נישט, טו איכ א גיב איבער עסטערנ אינ האנט אריַינ דעמ רעבנס שיר מיטנ שאלאכ־מאָנעס. ווערט זי רויטלעכ, באהאלט זיכ אינ א ווינקעלע, עפנט אופ פאוואָלינקע דאָס בריוול אונ ווערט אָנגעצונדנ, ווי א ליכט, אונ די אויגנ ברענענ — סאקאָנעס־נעפאָשעס! „אפּאָנעמ, נישט צופרידנ מיטנ שאלאכ־מאָנעס“. — טראכט איכ מיר אונ גיי צו צומ רעבנ. גיט ער מיר די „פּאָר ווערטער“, וואָס ער האָט אָנגעשריבנ.

— א גוטנ יאָמטעוו איַיכ, רעבע! — זאָג איכ מיטנ איינגענעמ אימפּעט, וואָס באמ אריַינקומענ. — דערלעבט איבער־איאָר! — אונ איכ לאָז מיכ אהיימ.

שוינ אז איכ בינ געווענ אפ יענער זיַיט טיר, לויפט מיר נאָכ עסטער מיט רויטע פארוויינטע אויגנ: „נא, — זאָגט זי צו מיר מיט קאס — אָט דאָס וועסטו אָפּגעבנ דיַינ ברודער!“

אפנ וועג עפנ איכ אופ פריִער דעמ רעבנס בריוול — דער רעבע איז בילכער. שטייט דאָרט אזוי: „מיַינ ליבער אונ געטריַיער טאלמיד מאָרדכע נ“י! איכ דאנק דיר פיל מאָל פארנ שאלאכ־מאָנעס, וואָס דו האָסט מיר אריַינגעשיקט. פאראיאָרנ אונ פאר־צוויי־יאָרנ האָסטו מיר אריַינגעשיקט שאלאכ־מאָנעס טאקע, שאלאכ־מאָנעס מאמעש... היַינטיקס יאָר האָסטו מיר אריַינגעשיקט א ניַיעמ פּיירעש אפ דער מעגילע. דאנק איכ דיר פאר דער מעגילע. איכ דארפ דיר אָבער זאָגנ, מאָטל, אז דער פּיירעש דיַינער הייבט מיר נישט אָנ צו געפעלנ. רייִשים, איז „שושאנ־האבירא“ די „הויפּט־שטאָט“, נישט, ווי

דו זאָגסט, „אונדזער שטעטל“. וועהאשיינים, וואָלט איכ וועלנ וויסנ, ווו שטייט דאָס, אז מאָרדכע איז געווענ א באָכער? אונ וואָס רופסטו אימ עפעס מאָטל? וואָס פאר א מאָטל? אונ פונוואנענ האָסטו דאָס גענומענ, אז „אוימיינ“ איז די טײַטש „ליב געהאט“? אוימיינ איז די טײַטש „דערצוויגנ“, פונעמ וואָרט „אָמוינ פאדגויג“. אונ וואָס דו טײַטשסט: „וואיאמליכעהאָ טאכאס וואשטי“ — אז ער וועט מיט איר גיינ אונטער דער כופע, — קומט דאָס שוינ אויס גלאט ווילד, אָנ א שומ טאמ. ערשטנס, גייט דער „וואיאמליכעהאָ“ אפ אכאשוויירעשנ, נישט אפ מאָרדכענ. אונ צווייטנס, איז אינ ערגעצ נישט דערמאָנט אינ דער מעגילע, אז אכאשוויירעש איז געגאנגענ מיט עסטערנ צו דער כופע. א קונצ נעמענ א פאָסעק אונ פארדרייענ אימ מעשוגענערווײַז? יעדער פיירעש דארפ זײַנ מיט א גאנג. פאראיאָרנ אונ פאר-צוויי-יאָרנ האָסטו מיר ארײַנגעשיקט עפעס אנדערש. הײַנטיקס יאָר איז דיר געפעלנ שיקנ דעמ רעבנ א פיירעש אפ דער מעגילע, אונ נאָכ א פארדרייטנ פיירעש דערצו. נו, מאכעטייסע, מיסטאמע דארפ אזוי צו זײַנ. לאָכײַנ שיק איכ דיר דײַנ מעגילע אָפ צוריק, אונ לאָז דיר גאָט געבנ א גוט יאָר, ווי עס ווינטשט דיר דײַנ רעבע“...

אָט דאָס הייסט געריבנ א מאָרדע! א מיצווע אפ מײַנ ברודער! ער וועט שוינ מער אזעלכע מעגילעס נישט שרײַבנ, מיינ איכ.

אָפגעפארטיקט זיכ מיטנ רעבנס בריוו, דארפ מענ שוינ אינ איינוועגס א קוק טאָנ, וואָס שרײַבט זי, דעמ רעבנס טאָכטער הייסט עס? איכ עפנ אופ איר בריוו — פאלנ נישט ארויס די צוויי קערבלעכ? וואָס איז דאָס פאר א שלאק? איכ לייענ איבער — אינגאנצנ צוויי שורעס:

„מאָטל, איך דאנק דיר פאר די צוויי קערבלעך. קאָנסט זיי נעמען צוריק. אזא שאלאך־מאָנעס פון דיר האָב איך נישט דערוואַרט. קיין מאטאָנעס פון דיר פארלאנג איך נישט, און קיין נעדאָווע אוואדע נישט"...

כא־כא, וואָס זאָגט איר דערוף? קיין נעדאָווע פארלאנגט זי נישט! א שיינע געשיכטע, ווי איך בין א ייִדיש קינד! אקלאל, וואָס טוט מען ווייַטער? אַז אנדערער אף מייַן אָרט וואָלט מיסטאמע ביידע בריוו צעריסן און דאָס געלט אריינגעלייגט אין קעשענע. צוויי פּייַגן וואָלט ער געבראכט אהיים, נישט קיין צוויי קערבלעך. נאָר איך בין נישט אזעלכער... איך האָב בעסער אָפּגעטאָן א שענערע זאך. וועט איר הערן. איך האָב מיך מעיאשעוו געווען אזוי: סכאר־טירכע פארן וועג האָב איך דאָך פון מייַן ברודער מאָטל שוין באקומען — הייַנט וואָס זשע דארף איך אים? און איך גיי און גיב אָפּ ביידע בריוו גאָר דעם טאטן. איך וועל האָרכן, וואָס וועט דער טאטע זאָגן? ער וועט בעסער פארשטיין די מעגילע, ווי מייַן רעבע, כאָטש דער טאטע איז א טאטע און דער רעבע איז א רעבע...

ה

וואָס איז געווען, אַז דער טאטע האָט איבערגעלייענט ביידע בריוו מיט דער מעגילע און האָט א נעם געטאָן מייַן ברודער מאָטל אפן צימבל, ער זאָל געבן צו פארשטיין, וואָס דאָ טוט זיך? — פרעגט שוין גאָר נישט. איך זאָל וועלן נאָכטאָן מייַן ברודער מאָטל, וואָלט איך באדארפט זאָגן מיטן לאָשן און מיטן ניגן פון דער מעגילע:

„ו ה ע י ר ש ו ש ן נ־ב ו־כ ה"...[1]

---

[1] וועהאָיר שושאן נאַ־ווי־כאָ.

נאָר נישט דאָס איז דער איקער. איר ווילט דאָך אוודאי וויסן דעם סאָף: וואָס איז געווען דער סאָף מיטן רעבנס טאָכטער עסטערן און מיט מײַן ברודער מאָטל? וואָס זאָל זײַן? גאָרנישט. עסטער האָט כאַסענע געהאַט. אַן אַלמען האָט זי גענומען. אַך, האָט זי געוויינט! איך בין געווען אויף איר כאַסענע. וואָס, איינגעטלעך, האָט זי אַזוי געוויינט — ווייס איך נישט. אפּאָנעם, דאָס האַרץ האָט איר געזאָגט, אַז זי וועט זיך מיט איר זיוועג לאַנג נישט עלטערן. און קאַך־האַווע. זי האָט אָפּגעלעבט מיט אים אינגאַנצן אַ האַלב יאָר און איז אַוועקגעשטאָרבן. פון וואָס — קאָן איך אײַך נישט זאָגן. איך ווייס נישט. קיינער ווייסט נישט. דער רעבע און די רעבעצן וויסן אויך נישט. געזאָגט האָט מען, אַז זי האָט זיך געסאַמט, פאָשעט, גענומען און אַליין אַוועקגעסאַמט זיך. נאָר ס'איז ליגן. „דאָס האָבן סאָנים אויסגעטראַכט". אַזוי האָב איך געהערט פון דער רעבעצן אַליין...

און מײַן ברודער מאָטל? אָהאָ! ער האָט נאָך פריִער כאַסענע געהאַט, נאָך איידער עסטער איז אַ קאַלע געוואָרן, און איז אַוועקגעפאָרן אַהין, צום שווער. ער איז אָבער גיך געקומען צוריק. און דאַפקע אַליין. וואָס איז די מײַסע? ער וויל זי געטן. זאָגט אים דער טאַטע: „ביסט אַ פּערע־אָדאָם!" וויל די מאַמע נישט לײַדן. קריגט מען זיך. ס'איז פריילעך! פונדעסטוועגן האָט זיך נישט געהאָלפן. ער האָט זיך מיט איר געגעט און כאַסענע געהאַט פאַר אַן אַנדערע. ער האָט שוין צוויי קינדערלעך אַפילע. אַ יִנגעלע מיט אַ מיידעלע. הייסט דאָס: יִנגעלע הערצל, נאָכן דאָקטאָר הערצל. און דאָס מיידעלע הייסט עסטערל. דער טאַטע האָט אַפילע געזאָגט, זי זאָל הייסן גיטל, נאָך זײַן מאַמע, דער באָבע גיטל. און די מאַמע האָט געוואָלט, געכאַלעשט, זי זאָל הייסן לייצי, נאָך

איר מאַמע, דער באָבע לייע. איז אַרוים צווישן טאַטע־מאַמע
א מאַכלויקעס. א גאַנצע נאַכט מיט א גאַנצן טאָג האָבן זיי
זיך געקריגט. איז געבליבן, דאָס קינד זאָל הייסן לייע־גיטל,
נאָך ביידע מאַמעס. אַן עק. האָט זיך דער טאַטע אַרומגע־
קוקט, ער וויל נישט לייע־גיטל. - „וואָס איז דער סייכל?"
„אַזוי. פאַרוואָס קומט איר, אַז איר מאַמעס נאָמען זאָל גיין
פריִער?" קומט צו גיין מײַן ברודער מאָטל פון שול און זאָגט,
אַז ער האָט איר גאָר געגעבן א נאָמען עסטער. זאָגט אים
דער טאַטע: „פערע־אָדאָם! פונוואַנען האָט זיך צו דיר גענו־
מען א נאָמען עסטער?" ענטפערט אים מאָטל: „האָסט פאַר־
געסן, אַז מיר האָבן באַלד פורים?"... נו, וואָס וועט איר
אים, אַשטייגער, איצטער זאָגן? אַן עק. מע הערט שוין מער
נישט קיין „פערע־אָדאָם" פונעם טאַטן. נאָר ביידע, אי דער
טאַטע, אי די מאַמע, קוקן עפּעס מאָדנע איינס אַף דאָס אַנ־
דערע, און מע כאַפּט א שווײַג.

וואָס האָבן געהייסן דער דאָזיקער קוק מיט דעם דאָזיקן
שווײַג — ווייס איך נישט. עפשער ווייסט א י ר?..

אָנמערקונגען און דערקלערונגען

שיר־השירים

שיר־השירים (דאָס געזאנג פון געזאנגען) — איינער פון די ביבל־ביכער. לויט דער לעגענדע האָט דעם דאָזיקן בוך אָנגעשריבן דער קיניג שלוימע. דאָס איז א וועלטלעכע פּאָעמע, אין וועלכער עס ווערט אפילע קיין איין מאָל ניט דערמאָנט דאָס וואָרט „גאָט". אין א זעלטענער פּאָעטישער פאָרם ווערן אין איר געשילדערט די געפילן פונעם העלד שלוימע צו זיין געליבטער שולאמיס.

אין משך פון א סאך הונדערטער יאָרן האָבן די ראבאָנים געוואָלט צוגעבן דער דאָזיקער פּאָעמע א רעליגיעזן כאראקטער און האָבן דאָס אויסגעטייטשט אלס אן אלעגאָריע „פון גאָט און זיין געליבטן פאָלק".

שאָלעם־אליינעם אין זיין ראָמאן „שיר־השירים" שילדערט, ווי אזוי שימעק, פארליבט אין בוזין, האָט אויפגענומען דעם עכטן זין פון דער פּאָעמע אָן שום רעליגיעזע פארקריפּלונגען.

צו ז. 5

ביגדי־מאלכוס — קייסערלעכע קליידער.

צו ז. 10

קאבאָלע — רעליגיעז־מיסטישע פילאָסאָפיע. איניקע פרומע ייִדן האלטן, אז מיט דער הילף פון קאבאָלע קאָן מען שאפן וואונדער.

צו ז. 13

באָרכו — א טפילע אין דאווענען.

יאמה־אקעראך — אטיז־יאם.

צו ז. 14

אָקרענט — א שיף.

צו ז. 17

שעמ־האַמפּוירעש — גאָטס נאָמענ.

צו ז. 18

האָרוויכווישעכ — פינצטערע בערג.

צו ז. 26

הא! טאָכנ — איז רעכט אַזוי?

צו ז. 30

ליבני האיאַקאָר מוהר״ר — צו מײַנ טײַערנ זונ רעבי···

ר״כ (ראַב) — רובל.

מימעני אַוויוואַ — פונ מיר, דײַנ פאָטער.

צו ז. 33

ליבנוויטה אונ האיאַקאָר מוהר״ר — צו מײַנ טײַערנ פאָטער רעבי···

צו ז. 40

וועכ-פּאַפּיראָס — געשמאַקער רויעכ.

צו ז. 45

קאַבאָלאַס־שאַבעס — טפילעס.

צו ז. 46

שולכנ — דאָ געמיינט: דער טיש אינ בעסמעדרעש.

צו ז. 50

אַרבע־קויסעס — פיר קויסעס. אַ מינהעג בא רעליגיעזע יידנ פוסעכ צום סיידער טרינקענ פיר קויסעס ווײַנ.

קערע — אַ טעלער, אַפ וועלכנ מע לייגט אוועק מאַצעס אונ אַנדערע זאַכנ, וואָס ווערנ געברויכט צום סיידער.

שכינע — גאָטס גײַסט.

צו ז. 57

מויכנ זײַנ — זיכ גרייטנ.

צו ז. 60

ניט שוילעט זײַנ — דאָ: ניט שאַטנ.

צו ז. 65

אטאָרע — א באפוצעכצ באם אויבערשטנ זײַמ פונ א טאַלעס.

טכיילעס — בלויע וואָל.

צו ז. 68

דוואָרימ־בעטויילימ — פוסטע זאכנ, פוסטע רײד.

מײַנ ערשטער ראָמאנ

צו ז. 87

א יעפייפיע — א שײנהײט.

צו ז. 88

זעט כויקער־וועדוירעש — פאָרשט אויס.

אוילעמ־האדימיענ — די פאנטאסטישע וועלט, פאנטאזיע.

צו ז. 90

באלשעמ — דער גרינדער פונ כאסידיזמ.

גווירימ־אדירימ — גרויסע גווירימ.

פיזמוינעס — פוסטע מעסעס.

צו ז. 91

לאָרויוו — א סאכ, איבערגענוג.

צו ז. 97

בעכאדרעי־כאדאָרימ — דאָ געמיינט: זײער טיף.

צו ז. 99

סייפער־האכאָסומ — פארכאסמעטער בוכ.

צו ז. 100

יעהודע־האלייווי — א בארימטער מיטלאלטערלעכער העב־רעישער דיכטער (געלעבט סאָפ XI אָנהייב XII יה.).

צו ז. 101

אד־האיאָמ — ביז הײַנטיקנ טאָג.

צו ז. 103

א שויני שעבעשלישי — א גלידס־שוועסטערקינד.

צו ז. 106

כיבעט־האקייווער — לויט די אָנשווינגענ פונ די רעלי־

גיִעזע ייִדנ, די לײדנ, וואָס דער מענטש האָט אויסצושטײנ אינ קיו־
וועֶר, גלײכ נאָכנ שטארבנ.

צו ז. 107

ק יי וו ע ר־אָ וו ע ס — די קוואָרימ פונ די עלטערנ.

צו ז. 108

ש אָ וו ר־וו ע ש ע ק ע ר — פאלשקײט אונ ליגנ.

ע ס ט ע ר

צו ז. 116

י ע פ א ס־ט ו י א ר — א שײנהײט.

צו ז. 120

א י ש··· אאוו· — פראזעס פונ ביבל־בוכ „מעגילאס־עסטער״, וועלכע מאָטל טײטשט אויס אפ א באזונדער אויפנ.

צו ז. 123

ב וי נ ע־ל ע ב וי נ ע — דאָ געמײנט: אינ דעמ מאָמענט.

נ״ י (נײרוי יאָיִר) — זײנ ליכט זאָל שײנענ; דער שלומ פונ אנ אלטמאָדישנ טיטל אפ בריוו.

צו ז. 125

וו ע ה אָ י ר ש ו ש א נ נ אָ וו ו י כ אָ — אונ די שטאָט שושאנ איז פארלאָרנ; צערודערט.

Редактор *А. Фрумкин.* Художник *М. Горшман.* Техред *Ф. Фрумкина.*
А-00160. Подп. к печ. 23/III—47 г. Печ. л. 4. Уч.-изд. л. 4,3. Тир. 20 тыс. Зак. № 7.
Типография Госиздательства „Дер Эмес“, Москва, Старопанский, 1.